# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn No. 22-23, September 1960 - Entire Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/67s568fh

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 22-23(1)

**Publication Date**
1960

**Copyright Information**
Copyright 1960 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור-פּראָבלעמען

טאָפּל **22-23** נומער

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד




אַרויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב — און — שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון“

תשרי, ה׳תשכ״א — סעפּטעמבער, 1960

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

*Thirty-Fourth Anniversary*
*1926 --- 1960*

# "Cheshbon"

*Review of Literary and Cultural Activities*

QUARTERLY PUBLICATION

*of the*

LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

*and*

L. A. WRITERS GROUP

I. FRIEDLAND, *Editor*

4375 SUNSET DRIVE • LOS ANGELES 27, CALIF.

SEPTEMBER, 1960

# אינהאַלט


י. פ.: הזכרה פאַר די שריפטשטעלער: ה. רויזענבלאַט און ש. מיללער — 3
אלף כץ: לידער פון די צוואַנציקער: „אין ים פון נעכט,“ „גאָלדענער שטראַל“ 5
ישראל עמיאָט: צוויי לידער: 1) * 2) „טריאָלעט“ — 6
מאַטעס דייטש: יאָסל קאָהן — „ביים ראַנד פון אָנהייב“ — 7
אבא קליגער: „דער ניגון“ (פּאָעמע) — 13
יחזקאל בראָנשטיין: פּאָעטן און זייערע לידער (עסייעט) — 15
י. פרידלאַנד: „ס אַ נ ד ר אַ“ (דערציילונג) — 16
פינטשע בערמאַן: „איך וויל ניט פאַרוואַנדלען אין וואָר מיינע טרוימען“;
„מיין ליד“ — 24
יצחק אייזענבערג: שלמה בערלינסקי — לזכרון (אָפּשאַצונג) — 25
ז. בונין: „נעקראָלאָג“ (ליד) — 27
נח גאָלדבערג: „די פּאָדקאָווע“ (דערציילונג) — 28
לוי גאָלדבערג: „יונגע דיכטער“ — 34
י. ראַשעל: „טעד גיליען — דער מאָלער פון סאָציאַלע פּראָבלעמען“ — 35
יצחק ניומאַן: „דער ספר איוב“ (אָפּהאַנדלונג) — 37
הינדע זאַרעצקי: „קינדער־יאָרן“ (פּרץ הירשביינען לזכרון) — 40
ש. א. הלוי: פינף יאָר „היימיש“ (רעצענזיע) — 41
יצחקי: מכות אייגענע און נאָענטע ענינים (אַקטועלן) — 48
משה גלאַזער: „ל ד ־ ל ך“ — ב — (ליד) — 46
א. כראַבאָלאָווסקי: נאָטיצן פון יידישן קולטור לעבן — 37
יוד: ליטעראַרישע נאָטיצן — 50
גאָלדע אַרפין־שלאָסבערג: „יזכור נאָך די געטאָ־יידן“ — 53
א. ש. ווייזעל: „אין ראַנגל מיט מיין האַרץ“ (ליד) — 55
א. באַביטש: „פּעדער־שפּריצן“ — 56
דערהאַלטענע ביכער און זשורנאַלן אין דער רעדאַקציע — 57
חברישע גרוסן — 58
ל. א. יידישער קולטור קלוב אָפּטיילונג — 110-59


---


# "CHESHBON"

*Review of Literary and Cultural Activities*

**QUARTERLY PUBLICATION**

I. FRIEDLAND, *Editor*

וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר:

4375 Sunset Drive — Los Angeles 27, Calif.

מכוח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט
ווענדעט זיך צום סעקרעטאַר:

A. CHRABOLOWSKY

1312 LYMAN PLACE — LOS ANGELES 27, CALIFORNIA

# הזכרה פאַר די שריפטשטעלער רויזענבלאַט און מיללער

אין ל. א. יידישן קולטור קלוב איז שבת אָוונט, דעם 28טן יוני, 1960, באַערט געוואָרן דער אָנדענק פון אונדזערע צוויי באַרימטע שריפטשטעלער, דיכטער ה. רויזענבלאַט און נאָוועליסט ש. מיללער. ס'איז דער פערטער יאָרצייט פון ה. רויזענבלאַט און דער צווייטער פון ש. מיללערן. ביידע זיינען ביים לעבן געווען נאָענטע חברים און קאָלעגן, און דער גורל האָט הפנים אַזוי באַשטימט, אַז אויך דער טויט האָט זיי ניט צעטיילט. ביידע זיינען נפטר געוואָרן אין זעלביקן חודש פון יאָר; ביידע זיינען באַרימט געווען מחוץ די גרעניצן פון זייער רעזידענץ־שטאָט לאָס אַנגעלעס. ה. רויזענבלאַט אַלס דיכטער און ש. מיללער אַלס נאָוועליסט און עסייאיסט, האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזעען, חשוב און פאַרדינסטפול אָרט אין אונדזער יידישער ליטעראַטור.

במשך די לעצטע עטלעכע יאָר זיינען פון דער יידיש־ליטעראַרישער מחנה אין אַמעריקע אַרויסגעריסן געוואָרן אַ היבשע צאָל פון די בעסטע קערנדיקע שאַפער און בויער פון דער יידישער ליטעראַטור; דאָס יידיש קולטור שעפעריש לעבן ווערט וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער אָרעמער, פאַר'יתומ'טער און פאַר־אַבלט. מעגלעך, אַז אין דעם גרויסן צוויי מיליאָניקן יידישן ישוב אין ניו־יאָרק, וואו די גאַנצע פלעיאַדע פון די יידישע שרייבער, דיכטער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער געפינען זיך, פילט מען אפשר נישט אַזוי שטאַרק דעם פאַרלוסט פון די אַוועקגייענדיקע, ווי מיר דאָ אין ל. א., ווייל מיר זיינען דאָ שטאַרק באַגרעניצט אין יידיש קולטור־שעפערישע כוחות, איז די אַבדה פון די צוויי חשובע שרייבער, מילער און רויזענבלאַט, פילן מיר אַמשטאַרקסטן. זייערע שטולן זיינען נאָך לעת־עתה ליידיקע, פון קיינעם ניט פאַרנומענע.

ניט תמיד גייט האַנט אין האַנט גרויס שעפערישער טאַלאַנט מיט קהלשער און קולטור־טעטיקייט. רויזענבלאַט איז ניט געווען פון יענעם מין דיכטער, וואָס האָט זיך איינגעשלאָסן אין זיין חדר מיוחד, און האָט בלויז באַפרידיקט זיך מיט זיין קרעאַטיווער קונסט, מיט וועלכע די השגחה האָט אים געבענטשט, און פון דעם ברייטן עולם געהאַלטן זיך פון ווייטן; ניין, רויזענבלאַט איז תמיד געווען מיט אונדז און צווישן אונדז, ווי אַ אייגענער. ס'איז קיינמאָל ניט געווען אַט־יענע דיסטאַנץ, צווישן רויזענבלאַט דעם גרויסן קינסטלער און דעם פשוטן לייענער און פאָלקס־מענטש, ווי עס טרעפט זיך זייער אָפט ביי קינסטלער אפילו פון אַ קלענערער מדרגה. און דעריבער טאַקע, פאַר זיין נאַטירלעכער פשטות און חבר־שאַפט, איז ער אויפגענומען געוואָרן פון אונדזער עולם מיט אַ סך וואַרעמקייט און האַרציקע פרייד. מיט זיין היימישער און פריינטלעכער באַטייליקונג אין אונדזערע קולטור מסיבות און געזעלשאַפטן, האָט ער תמיד אַריינגעבראַכט אַ סך דערהויבענע יום־טובדיקייט און פאָלקסטימלעכקייט.

פאַר די עלטערע תושבים און קולטור־געזעלשאַפטלעכע עסקנים, איז אונדזער שין מיללער נישט נאָר באַוואוסט געווען ווי אַ וויכטיקער שריפטשטעלער, בעלעטריסט און עסייאיסט פון דעם לייענען זיינע קערנדיקע שאַפונגען, נייערט אויך ווי אַ ביז גאָר וויכטיקער און ערנסטער קולטור־עסקן. מיר געדענקען נאָך זייער גוט זיין בלב־ונפש איבערגעגעבנקייט צום היגן יידישן שול־וועזן, וואו ער

איז געשטאַנען ביי דער התחלה פון דעם אויפבוי פון דער פאָלק־שול. ער האָט אויך אַ סך משפיע געווען אין דער גריבדונג פון דער דאַמאָלסדיקער שלום־עליכם שול; אין דער אויסגאַבע פון דעם ליטעראַרישע זשורנאַל „פּאַסיפיק" און אין דער גרינדונג פון דער ל. א. יידישער קולטור געזעלשאַפט, פון וועלכער ס'האָט זיך אויספאָרמירט אַ באַשטענדיקער בוך־קאָמיטעט, וואָס האָט צו זיין פאַרדינסט די אַרויסגעגעבענע ביכער פון ה. רויזענבלאַט און ש. מיללער. די 12 בענד לידער פון ה. רויזענבלאַט און די 13 בענד דערציילונגען און עסייען פון ש. מיללער, זיינען דאָס רוב אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם דערמאָנטן בוך קאָמיטעט; די געטרייע איבערגעגעבענע פריינט זייערע, סיי ביים לעבן און סיי נאָך זייער פטירה.

אַוודאי האָט די יידיש קולטורעלע ל. א. זיך געמעגט גרויסן מיט די צוויי באַרימטע שרייבער, מיללער און רויזענבלאַט, וועלכע זיינען געווען ביי אונדז לאַנג־יאָריקע תושבים און פיל צוגעטראָגן צו דער דערהייבונג פון אונדזער ליטעראַרישן מצב.

ניט קוקנדיק דערויף וואָס מילער איז די לעצטע עטלעכע יאָרן נישט געווען ביי זיין בעסטן געזונט און איז עפנטלעך נישט אויפגעטראָטן ווי אין די פריערדיקע יאָרן, האָט ער אָבער געהאַט אַ גאַר וואַרעמען אינטערעס צו אַלץ וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין אונדזער סביבה, און ניט ווייניק משפיע געווען אויף די מיינונגען און אָריענטאַציעס פון זיינע נאָענטע פריינט און חברים, די קולטור עסקנים.

מלילער און רויזענבלאַט זיינען געקומען קיין לאָס אַנגעלעס כמעט אין דער זעלביקער צייט, בערך אַ דריי צענדליק יאָר צוריק. זיי זיינען תמיד מיט פרייד אויפגענומען געוואָרן פון אונדזער יידיש־יידישן עולם.

ניט צו אָפט ווערט ביי אונדז, אין די יידישע ספערן, די אַוועקגייענדיקע שרייבער אין דער אייביקייט פאַרגעדענקט — אפילו אַזעלכע שריפטשטעלער פון אַזאַ מדרגה ווי רויזענבלאַט און מיללער. ס'רוב ווערן כמעט ווי פאַרגעסן באַלד נאָך דער פטירה. די ליבע און פאַרערונג פון דער גרויסער צאָל פריינד זייערע וועלן זיי נישט פאַרגעסן.

ביי דער הזכרה זיינען אויפגעטראָטן: פייגעלע פּאַניטש, מיט אַ ציקל רויזענבלאַטס לידער; די שריפטשטעלער, הערי לאַנג, וועגן רויזענבלאַטן; זלמן זילבערצוויג, וועגן ש. מילערן; יצחק רויטבלום האָט פאָרגעלייענט פון רויזענבלאַטס לידער; מ. מאַנדעלבוים האָט פאָרגעלייענט אַ דערציילונג פון ש. מיללער. די הזכרה איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון י. פרידלאַנד.

ש. מיללער און ה. רויזענבלאַט ז"ל האָבן אונדז איבערגעלאָזט אַ גאָר גרויסע ליטעראַרישע ירושה. דער העכסטער שכר פאָר שרייבער, סיי פאָר לעבעדיקע און סיי פאָר די אַוועקגייענדיקע, איז לייענען זייערע ווערק און ניט פאַרגעסן אָן זיי. די פריינד און פאַרערער פון די צוויי חשובע שריפטשטעלער, ה. רויזענבלאַט און ש. מיללער, האַלטן בכבוד זייער הייליקן אָנדענק.

י. פּ.

**ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט פון דעם זשורנאַל „חשבון"**

**אַלף כּץ**

### לידער פון די צוואַנציקער

## אין אַ ים פון נעכט

(באַלאַדע)

אין אַ ים פון נעכט געזונקען
איז זיין שיף
און געוואָרן איז דערטרונקען
אין דער טיף
אַלץ וואָס ער האָט מיטגענומען
אויפן וועג,
פון דעם ברעג.
ווען ער איז אַוועקגעשוואומען

נאָר אין פּחד אין דעם שוואַרצן
טרייסט אַ גלאָק,
ווייל עס לעבט ביי אים אין האַרצן
נאָך דער טאָג.

## אַ גאָלדענער שטראַל

אַ גאָלדענער שטראַל איז אין וואַסער אַריין,
זיין נייגער נאָך סודות צו שטילן
און איז אין דער טיף מיט זיין גאָלדענער שיין
געבליבן שוין דאָרטן זיך שפּילן.

ישראל עמיאַט

# צוויי לידער

## 1. ⁂

האָט די וועלט זיך היינט צעעפנט
ווי אַ קינדער־ביכל,
ס'איז קיין שלעכטס אויף דער וועלט גאָרנישט פאַראַנען
און באַלד וועלן פייגעלעך נעמען שירה זינגען.

אַלץ וואָס וועט געשען דאַרף אַזוי געשען;
נאַריש איז דער בער און דער פוקס איז קלוג,
דעריבער איז הונגעריק דער בער און דער פוקס איז זאַט.
זומער גייט מען אַקערן אין פעלד
און ווינטער מאַכט מען גאָמלקעס פון שניי
און מענטשן שטאַרבן נישט ! . . .

ס'האָט אַלץ איין טאַטע־מאַמע געבוירן:
דעם בוים, די חיה און אפילו דעם שטיין
און דער מענטש איז אַ ברודער פון זיי...—
פאַרוואָס לאָזט זיי אין דרויסן שטיין?
בעט זיי צו דער סעודה אַריין,
בעט זיי צו דער סעודה אַריין ! . . .

## 2. טריאָלעט

דאַרפסטו שאַפן דען צי היידען צי מאָצאַרטן דערצו?
גענוג אַמאָל דער ניגון אינם שטילן וויג פון טויער,
אַז ס'זאָל דיר קלאָר ווערן מיטאַמאָל דער גאַנצער ווי און טרויער
פון באַשאַף. דאַרפסטו שאַפן דען, צי היידען, צי מאָצאַרטן דערצו?...

עס דערציילט דעם וועלטן־צער דיר אויך אין אַ פראָסטן אינדערפרי
די שפראַך פון בלעך אויף דאַך, וואָס הויבט זיך און פאַלט אַראָפּ
אויף דיין מויער
פון ווינט באַוועגט, דאַרפסטו שאַפן דען צי היידען צי מאָצאַרטן דערצו?
גענוג אַמאָל דער ניגון אינם שטילן וויג פון טויער.

**מאַטעס דייטש**

## יאָסל קאָהן — „ביים ראַנד פון אָנהויב" — עסייען, נ. י., 1960

ס'איז אַ ברכה צו נעמען אַ בוך אין האַנט און בעתן לייענען דערפילן אַז דו וועסט קענען וועגן דעם ווערק עפּעס זאָגן צי אַ פּשיטא — שרייבן. ערשטנס, איז דאָס בוך ווייט פון צו זיין אַן אָביעקטיוו ווערק, בייערט, מיט דער פּאַנאָראַמע פון יידיש־שרייבער־סביבה איז דאָס ווערק אָנגעלאָדן; צווייטנס, קומט דער מחבר מיט אַ קול־קורא: יידן, צוריק צו אמתער אמונה.—

„אָן תורה איז ניטאָ קיין יידיש פאָלק."

דאָס בוך באַשטייט פון פינף טיילן: „שטילקייט און גערויש פון וואָרט", „הייסע ווינטן בלאָזן", „ביים קאַמין," און אַ דערעפענונג־עסיי: „פּאָעט און פּאָעזיע." דאָס איז אַ ריין, שיין, אָביעקטיוו־סוביעקטיווער קינסטלע־רישער עסיי מיט פּראָבלעמען וועגן ליד, וואָס יעדער נייער ווי אַלטער דור וויל דערקלערן דעם יסוד פון דער פּאָעזיע אויף זיין אופן וואָס ראַנגלט זיך אינעם פלאָנטער: „דאַרף אַ ליד זיין פאַרשטענדלעך? אויף אַזאַ באַאיוועך פּראַגע קען נאָר געגעבן ווערן דער דירעקטער ענטפער: פאַרשטענדלעך, פאַר וועמען"?

און אַזוי תוכיק פּאָעטיש־פּרעגעריש ענטפערט ער אָפּ אָט־די וועלכע טענהן, אַז פּאָעזיע צי ליד, דאַרף זיין אַ זוכן דורך לשון, כדי מיטטיילן דעם לייע־נער; אָבער ער, דער פּאָעט, שטעלט אַקעגן זיין אימפּעראַטיוו, ביין: „אַ ליד ווערט ניט געשאַפן צוליבן אימפּולס פאַר מיטטיילן - - - פּאָעזיע, קריגט באַדייט פון דער טראַגישקייט וואָס איז מיט אונדז, אַרום אונדז און פון אונדז."

נאָך איין עסיי פון דעם זעלבן מהות איז דער עסיי: „פּערזענלעכקייט און פּאָעט." ניצוצן פון די זעלבע מחשבות וואָס רופן אַרויס די גרונטאָוונע דאגות בנוגע דער פּאָעזיע, שפּליטערן אויך אין אַ סך פון זיינע עסייען דירעקט וועגן די שרייבערס און זייערע ווערק.

די גרעסערע עסייען אין בוך זיינען וועגן די צוויי שרייבער: משה וויטיעס און א. אַלמי. אַרום וויטיעסן איז ער אָנגעלאָדן מיט וויטאַלן כוח פון דער יצירה בכלל; ער וויקלט פאַנאַנדער אַ גאַנצע טעאָריע באַזירט אויף פּסוקים פון דעם חומש. זיין הויפּט־געדאַנק איז, „אַז דער מענטש האָט איינגעמידט גאָט." און ער ברענגט אַרויס אינטערעסאַנטע פּירושים, ווי יאָסל דער פּאָעט איז מסוגל דערויף. זיין פּילפּול איז אַ פּאָעטישער און אַ באַוועגלעכער, לויטן שם פון יידישער חריפות.

וועגן אַלמין חקירהט ער פיל, וויילביידע האָבן זיי ליב צו פילאָזאָפירן איבערן גורל פונעם מענטש, ווי אַ וויכטיק צי אַן אומוויכטיק ווערק אינעם קאָס־מאָס; וועגן אומשטערבלעכקייט; און ווייל שארת הנפש איז אַ גילדענע מטבע פאַר זיי צום קניפּל פון פילאָזאָפישן אויפקניפּן מענטשלעכע און חברשע באַצי־אונגען בין שרייבער לשרייבער, (ווייל אי אַלמי און אי יאָסל האַלטן זיך פאַר געקריוודעטע פון שרייבערישע צעכלייט), זוכן זיי דעריבער, אפשר, אַ זין אין דער אייביקייט, וואָס זאָל זיי געבן מאָראַלישן אויסדויער און העכערקייט אויף דורכצוקומען מיט די ערדישע קליינלעכקייטן, זוכן זיי בעסער טרייסט וואָס ערגעץ איז פאַראַנען אַ „באַלעבאָס„ וואָס פירט אַלץ מיט אַ סדר און ביידע האָבן

(לטובת זיך און דער מענטשהייט) באַשטימט אַז ס'איז דאָ אַ פּלאַן אינעם אַלוועלט־שאַפט מיט ספערן; נאָר וואָס דען, עס גייט זיי אינעם דערגרונטעוועון דעם זין, דעם תכלית פונעם דאָזיקן קאָסמישן „פּלאַן".

ווען זיי חקירהן וועגן גאָט, נוצן זיי שוין צום גענוואַלד־שרייענדיקן פיל מאָל באַנוצטע יידישע טערמינאָלאָגיע (ס'איז דען דאָ אַן אַנדערע?) און סוף־כל־סוף כאַפּט זיך יאָסל, אַז „דערפאַר וואָס מיר קאָנען ניט מסביר זיין דעם „פּלאַן" פון דער גאָטהייט, ווילן מיר אים לייקענען און פאַר איינפאַכן." נאָר דאָס האַלט אים ניט אָפּ אויף זייט 177 אַ שיס־טאָן אין דער גאָטהייט: „ביי מיר, דער געדאַנק, אַז איך קאָן באַגיין זעלבסטמאָרד, האַלט מיך אויף ביים לעבן"; ער שטעלט אפילו ניט קיין דריי פּינטעלעך, כדי מיר זאָלן זיין גענייגט צום טראַכטן אַז ס'איז יאָסלס דעלוזיע . . .

נאָר יאָסל־סערדצע: דער געדאַנקלעכער זאָג אייערע איז ניט מער ווי אַ בליץ פון אייביק געדאַנקלעכן „פּלאַן", וואָס איז ניט מער ווי באַוועגונג; דער ציל און דער זין איז ניט מער ווי אין־סוף'לעכע באַוועגונג; און קיין שום באַזונדערער „פּלאַן" איז פאַר דער אייביקייט פון באַוועגונג ניט נייטיק.—פּלאַן איז שוין דעם מענטשנס השגה; אַז מ'איז ניט משיג, זוכט מען אַ פּלאַן כדי צו פאַרשטיין . . . אַ צוטראַכט!

פאַרוואָס זאָל אונדז ניט צופרידנשטעלן, אַז אין דעם אוניווערז עקזיסטירט בלויז די ס י ב ה פון באַשאַפן־ווערן און די ט אַ ט פון צעשטערט ווערן? דאָס זיינען די אייביקע יסודות וואָס דאַרפן ניט קיין פּלאַן... פּלאַן איז ניט מער ווי דעם בן־אדמס א י י ג נ ש אַ פ ט ; דער פּראָדוקט פון זיין א י י ג ב ק י י ט...

נאָר אַמבעסטן איז יאָסל, ווען ער לאָזט זיך אַוועק צוזאַמען מיט אַלמין, אויפן פּילפּולדיקן ווינט פון מיסטישע חקירות; ער אַנאַליזירט ניט, ווי ער טוט עס אין די עסייען וועגן שרייבערס, נאָר ער צעשניידט דעם „ווינט" פונעם סאַמע אַנהייב... פון דאַנען נעמט זיך אפשר ביי אים דער טיטל צום בוך: **ביים ראַנד פון אַנהייב**. און אַזוי ווי ער זאָגט דאָך ניט וואָס פאַר אַן אַנהייב, בין איך זיך משער, אַז דאָס איז ער!

און די עסיי וועגן אַלמין פאַרענדיקט יאָסל אַזוי, וואָס סע איז לטובת מיר:

„נאָכן סך־הכל קומט אַ נייער בראשית." וואָס איך זאָג דערויף — אייביקע באַוועגונג... אַהער און אַהין... אַ פאַרויס און אַ צוריק... אַן אייביקע וויג...

אין זיין פּאָלעמיק, דער עיקר מיט שרייבערס, איז ער דווקא ווי אַ ביטערע ציבעלע; עס פאַרגייט אין דער נאָז; עס טרערן די אויגן; מ'קאָן קוים דעם אָטעם כאַפּן. אָבער אַ געקעכץ אָן ציבעלע איז — פע! אָן טעם! אין מויל נישט צו נעמען! פאַרשטייט זיך, אַז אַנדערע פּרעגלען זי צו, דעמפּן זי איין; אָבער יאָסל שניידט זי אָן רוי! און נאָך מיט אַ ווערך. אַזוי איז זי, יאָסלס פּראָזע. זי געוועלטיקט!

מיין מיינונג איז טאַקע, אַז פּראָזע איז מיט דער טענדענץ צו דאָמינירן, צו הערשן. אין איר איז דאָס גענצע: יורידיש, מיליטעריש, אונטערוועלטיש; אַזוי ביז צו פּאַרטייאישקייט און, סע זאָל ניט אויסגערעדט זיין, כוליגאַנסטווע!

פּאָעזיע — לאָ! זי דערלויבט דאָס ניט. אַזוי גיך ווי איין עלעמענט פון די אויבן־דערמאָנטע פּראָזאַאיזמען רייסט זיך אַריין, שטופּט זי עס אַוועק צו דער פּראָזע פון זיך; זי שיידט זיך אָפּ דערפון; ס'איז קלעק!

דער אָפּטייל: „שטילקייט און גערויש פון וואָרט”, וואו די מערסטע עסייען זיינען וועגן פּאָעטן, איז ער, דורך דער פּאָעזיע, געמילדערט; אויך טרעפלעך אין דער פּאָעזיע, אַ סך געטריי.

וועגן גלאַנץ-לעיעלעסן איז ער הונדערט פּראָצענט טרעפלעך; טאָ פאַרוואָס קומט אים אויס צו זיין מיט גאָר אַ סך פּראָצענטער אומטרעפלעך בנוגע די וועלכע ער פאַרבראָקט מיט זיין ביטערער ציבעלע ?

צוויי פּאָעטן, צוויי מאַסקעס, וועגן וועלכע ער פּסיכאָאַנאַליזירט, איז מיר גאָר געפעלן זיין אַרייבדרינגען אין זייער פּסיכיק. „די מאַסקע אָן דער מאַסקע”, וועגן הערמאַן גאָלד — איז אַ טרעפלעכקייט. אמאי די עסיי איז ניט אַריין אין דער ערשטער טייל צווישן אַלע פּאָעטן, איז מיר קשה. דאָ, איז יאָסלס וואָרט וואָס ער זאָגט, ערלעך געטאָן גוועאָרן וואָרטיק, ווי דער קלאַנג פון אַ פּערפעקט אָנגעשטעלטן פידל, און דער שרייבערישער גוט פאַרטראַכטער געדאַנק, וואָס דרינגט אַריין אין אַ שעפּערישן פּאָעטס דרך און מאַניערן, איז כולו ווירקונג. כאָטש ס'איז דאָ פאַראַנען דער צימצום פון שטריכן אין דער כאַראַקטעריסטיק, איז די מאַסקע געדעקט מיט געניטקייט, אַז זי איז אין פלוג גאָר אָפּגעדעקט; נאָר דער עיקר— די געטריישאַפט מיט וואָרט און פּראַזע. באַשרייבן געטריי דעם געגנשטאַנד, ווייזט אָן די גרעניץ וואָס פירט דעם שרייבער אַריבער צו מייסטערשאַפט.

אין די כאַראַקטעריסטיקעס גיט יאָסל אַ „קלאָז-אַפּ” די נאָענטקייט פונעם סוביעקט. אָט ווי ער שמועסט מיט גלאַנץ-לעיעלעסן, כמעט געמיטלעך, מיט סבלנות, ווי אַ תלמיד פון הלל הזקן.

„מיט דער זון צוקאָפּנס”, וועגן מאַקסוועל באָדנהיים, איז געמאָלן צו מאָנאָ-כראָמאַטיש; דער עסיי איז צעצויגן, מיט אַ סך איבערחזרונג; עס פעלט אין אים די קאָנצענטרירטקייט, ווי אין דער „מאַסקע אָן אַ מאַסקע” און אַנדערע טרעפלעכע עסייען. ער איז אַרכיטעקטאָניש אָן עסייאישער פאָרעם; צו אַרטיקל-מעסיק, ווי ציייטונג-זשאַנער, ווי אַ לאַנגע רעדע אומאָרגאַניזירט געליפערט; וואָרעם, וויפיל מאָל דאַרף מען ברייען אַז ער „איז געווען פריי פון סוחרישער שלויקייט און קאַריעריסטישע צילן?”

אַוודאי איז דער עצם תוך אין אים ריכטיק און ערלעך איבערגעגעבן; ערטערווייז איז ער שיין, פּאָעטיש און ראָמאַנטיש-רירנדיק מיט וויטיק; נאָר דער אמת, צי ער איז פּראָזאַאישער צי קינסטלערישער, האָט ניט קיין געוואונענע פּאָזיציעס ווען ער קומט ווי אויבן אָנגעוויזן. און נאָך אַ פונקט, דער עסיי איז ווי אַ מאָנסון פאַר וועלכן דער מענטש שרעקט זיך, און דאָס האָט יאָסל דערגרייכט.

דאָס אַרויסשטעלן די פּאָעטן: ווילאָן, באָדלער, ווערלען, רעמבאָ, יעסענין און זייער גלייכן — צוזאַמען מיטן „ווילעדזש” — ווי די פאַראַגאָנען, מאַכט, אַז דער גאַנצער אופן פון יאָסלס קינסטלערישער שליחות, און אפילו נאָכן געהויבענעם זאָג: „דער מענטש וויל ניט אָננעמען דעם קינסטלער, פונקט ווי ער וויל ניט אָננעמען גאָט” (? ?) איז נאָך דעם געוואַגטן זאָג אפילו, שמעקט דער עסיי מיטן גערוך פון בראָנפן! ס'איז גויאישע סחורה... אָפּגעהיט זאָלן מיר זיין דערפון!

אין דער אָפּטייל: „פון דער נידער", גיט ער אַ קאָנקרעט בילד, אָדער מאַסן־בילדער, ווי עס האָבן געלעבט די יידישע שרייבערס אין ראַטנפאַרבאַנד; צווישן זיך איז געווען „ראַטן", לויטן ענגלישן טייטש, פיל מער ווי דער יידישער פאַרבאַנד... אַלץ איז ביי זיי געביטן געוואָרן לויטן קורס פון דער פאַרטיי; קורס אַרויף און קורס אַראָפּ. און ווייל ער האָט אויף זיינע אייגענע פלייצעס דורכגעטראָגן דעם בראָך פון זיין קאָמוניסטישן חלום, זיינען דעריבער אַלע זיינע סאָציאַלע געדאַנקען בלויז אין דער פעריפעריע פון אַ צעווייטיקטן און אָפּגענאַרטן. דער קריטישער כאַראַקטער אין די עסייען און אַרטיקלען זיינען פון אַ געשלאָגענעם, וואָס וועט אָננעמען בדאַי די עקסטרעמקייטן וואָס זיינען קעגן סאָציאַליסטישן איינשטעל. קאַפּיטאַליזם איז ביי אים רעכט ווי ער איז, (אַבי ער לאָזט דעם מענטשן זשיפּען), און נאָר ניט בייטן דעם „גוטן" איינשטעל... אַי, פאַרוואָס ניט דעמאָקראַטיזם אָנשטאָט קאַפּיטאַליזם? איז נישט קלאָר!

בכלל ווערט ער אין זיין פּאָלעמיק באַהערשט פון זיין אייגענער שרעקדערפאַרונג און דאָס באַאומרואיקט אים אין אַלץ אויף און דעם זעלבן אופן ווי אַ קאָמפּלעקס פון וועלכן ער ווערט געררייצט און געשטויסן צו לעכהיסדיקייט. דאָס דאַרף געבן צו פאַרשטיין הלמאַי ער איז אויפגעבראַכט אויף די וואָס פּויקן טרעוואָגע — יאַנאָסאָוויטש; ער האָט דאָך אַ צענדליגג אַרטיקלען, דער גאַנצער טייל: פ ו ן נ י ד ע ר, איז דאָך אַרום דער יידישער טראַגעדיע אין ראַטנפאַרבאַנד און אין דער קאָמוניסטישער ספערע אין אַמעריקע. און דאָ האָט גאָר יאַנאָסאָוויטש אויפגעריסן די אויגן גלייך ווי קיינער, ביז אים, האָט זיך צו דער מכה ניט צוגערירט...

דאָס קען טאַקע פאַרוואַנדלען אַ שרייבער אין אַ ביטערער ציבעלע!

ווען ער רייסט זיך אָפּ אויף ל. פיינבערגן אמאַי ער שטעלט זיך איין פאַר איוואַנען (פאַסטערנאַקן) איז ער אַן אמתער שטאָלצער ייד, וואָס האָט פיינט אַז עמיצער וויל אים אַריינבראָקן גויאישע מצהלעך אין זיין יויך און ער גיסט עס אויס גלייך אין פנים אַריין. איז דאָס אַרט מיך ניט. צי אַשטייגער, ווען ער נעמט דעם אָנגעבלאָזענעם פענכערל, ש. ד. זנגער, און קוועטשט פון אים אויס דאָס ביסל אָנגעזאַפּטע פרעמד־וואַסער אין זיין שרייבן, בלייב איך אַלץ גלייכגילטיק; נאָר ווען ער יאָסלט זיך אַריין מיט דער ספּעציפישער ציבעלע־ביטערקייט אין פּאָעטן, ווי גלאַטשטיין, טאַבאַטשניק, מאיר שטיקער און בעריש ווינשטיין, איז ער דאָס להכעיסדיקע קינד וואָס וויל, איבער זיין געקריוודעטקייט, אָנטאָן שאָדן צו די וועלכע זיינען אין בעסערע פּאָזיציעס ווי ער איז.

ווייל לאָמיר ניט זיין גענאַרט אין אַזעלכע ענינים. ביים לייענען די עסייען וועגן די אויבנדערמאָנטע פּאָעטן האָט מיך מער ווי פאַרדראָסן — טאַקע אויך פיל ווי געטאָן פאַרן אופן און מעטאָד וואָס יאָסל ווענדט אָן אין זיין צוגאַנג צו זייער שאַפן; און אפשר — ס'איז ביי מיר ניט אויסגעשלאָסן — האָט אים, בעתן שרייבן, אויך ווי געטאָן... ווייל ער גליטשט זיך אַרויס מיט זיין אייגענער דערקענטעניש.

„דער אויסוועג פאַר אַ מענטשן ווי איך בין, אָן אויסזיכטן, איז פּרובירן לערנען ווי זיך איינצולעבן און איינלעבן זיך, טראָץ דעם ווייי, אַז איצט, ביי דער דעמערונג פון דער יידישער ליטעראַטור, ווערן אויפגעשפילט בייזקייטן און שנאה."

אָט דאָס איז דער תוך און דער עיקר. עס טוט אים ווי ביים קלערן און שרייבן, ווי אונדז ביים לייענען. דאָס אויבן ציטירטע באַווייזט אַז ס'איז אפשר גרינג פאַר אונדז דאָס איבערצולייענען, אָבער חלילה איז אונדז מיט אַזאַ אמת זיך איינצולעבן און צוגעוואוינען, אַז אים אים אַליין איז שווער און פריקרע...

וואָס מיר זאָלן ניט וועלן זאָגן צו פאַרגיינגען יאָסלען — אַ קול הערט זיך אַרויס פון אונטער זיינע שורות און אַ פּיגער קעגן אונדזער שטערן זעט זיך אָן זייער בולט אין זיינע פּאָלעמיקעס און קאָנפעסיעס; אפילו זיין צעכראַסטעטע העמד זעט זיך אָן; עס אַנטבלויזט זיך די ברוסט מיט איר גאָר דער הוילקייט וואָס קלאַפּט מיטן טאַקט פון זיין האַרץ. וואָרעם ער פּילט די שמאַך פון גע־קריוודעטן, דעם ביטער אַנטוישטן, דעם אַרויסגעשטויסענעם.

יאָסל פאַרמאָגט אַ טיפע האַרציקייט און אַן עקסטרעמע סענסיטיוקייט. דאָס לאָזט זיך דערקענען צו אונדז דורך זיין דעליקאַטן זאָג: „אַ פּאָעט ווערט באַרירט פון שטימונגען. עס טוען אים ווי עוולות; ער נעמט אָן די קרומקייטן פון דער וועלט ווי אַ פּערזענלעכע טראַגעדיע.“

די צרה ביי אונדז איז, וואָס אַן עדה יידן, מעג זי זיין פון באַגאַבטע שרייבער און פּאָעטן, קוים קומען זיי זיך צוזאַמען אין אַן ענגער סביבה, ווערט דאָס וואָרט „ע ד ה“ פילאָלאָגיש איבערגעדרייט אויף — „ד ע ה“! יעדער איינער וויל האָבן אַז נאָר זיין דעה זאָל גילטן... און גאָר אַ סך קוקן אויפן צווייטנס דעה, ווי דורך אַ מאַגאַקל!

שרייבן אַ בוך איז אַ גרויסע האַרעוואַניע. לייען איך טאַקע יעדן בוך אַזוי, מיט דערזעלבער האַרעוואַניע — דערגרונטעווען זיך צום שורש... מיט אַ לייענער־פּייל.

זיינע שטימונגען־געדאַנקען: „ביים קאַמין“, דערשלייפט ער ביז אַפּאָריז־מישע פּרקים.

וועגן יאָסלס בוך וואָלט איך געוואונטשן אַז יעדערער זאָל שרייבן. עס פאַר־שטייט זיך, אַז דער „יעדערער“ איז אָט־דער וואָס שרייבט איבער ביכער; און זאָל יאָסל ניט מיינען וואָס ער מיינט... אַז אַלע וועלן שרייבן וועגן זיין בוך וועט עס אַפּשוועכן דעם קאָמפּלעקס פון אים און סע וועט בלייבן צו זעען וואָס ער דאַרף זעען.

אין אַלע זיינע פּאָלעמיקעס, סיי מיט שרייבער און סיי מיט „אידישיסטן“(?) איז די הויפּט־טענה אַז מ'האָט פאַרשאַכערט די ליטעראַטור און דעם לייענער. אָבער מאָדנע ווי סיי ביי אַלמין און סיי ביי יאָסלען ווייזט זיך אַרויס אַז סע זיינען דאָ גריבלער. איז פון דעם געדרונגען — אין לבו לייענער, אלא גריבלער יאָ?! און ס'איז טאַקע מערקווירדיק, די גריבלער זיינען אַן אַ שיער, דווקא די ניט־לייענער.

ווי אַלמי, האָט ער דעם געדולד צו ענטפערן זיינע רעצענזאַנטן; ער האָלט ניט פון זיי נאָר ער צאָלט אָכט ווי אַזוי זיי שרייבן וועגן אים... דאָך קומט ער ניט צו דער מסקנה, אַז אויב סע איז ניט גוט פאַר יאָסלען איז דאָך אויך מסתמא יאָסלס אופן ווי ער צעדריבלט אַ שרייבער, נישט גוט פאַר פלוני בן פלוני.. טראַכט יאָסל נאָך?

היינט וואָס ער צעאַרבעט קעגן די קאַריערִיסטן, די עלנבויגן־טאַלאַנטן, אַז ממש עס גייט אַ פּאַרע! פרעגט זיך מאי דקאמרי רביצין? איר און איך; און נאָך אַ איר און אַ איך וואָלטן דאָך ניט געוואָלט זיין ווי אַט־די־אָ, טאָ וואָס איז דאָ שייך דאָס בייזע קריצן מיט דער פּען?!

איך וויס, אַז אַרומנעמען דאָס גאַנצע בוך אין אַזאַ קורצן מאמר איז אומ־מעגלעך, אָבער עס ווילט זיך כאָטש צורירן צום לעצטן טייל פון בוך: צום שורש.

זיין הויפּט־געדאַנק איז, לויט זיינס אַ קעפּל: „קיום פון יידיש, נאָר אין יידישקייט.” ער שיסט אַ גרויסע צאָל פיילן אויף אַבסטראַקטע יידישיסטן און זיי קערן זיך אום, די פיילן, צוריק און צעוואונדיקן זיינע אייגענע געדאַנקען. דאָס איז דערפאַר וואָס ער זאָגט אַלע די טענות אויפן חשבון פון סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, בונדיסטן און אַנדערע פּאַרטייען; אָבער זינט ווען איז יידישיזם געווען אַ פּאַרטיי? און וואָס איז דער שׂכל זיך אָנטשעפּען אין אַזאַ אַנטיקער פּראַזע, וואָס דער קערן אין איר האָט במילא געמיינט דעם צובונד צו יידישקייט — אַלץ וואָס איז קולטור־ווערטפול יידישדיק.

אָבער יאָסל וויל דווקא אונדז און זיך ווי טאָן; ניט אַזוי גרינג און פשוט לויפט זיך אין אַ צייט פון אידייאישן קריזיס צו דער אַלטער תורה — סתם! אויך דאָ, ביי דעם תורה־באַרג זייבען מיר ניט פריי פון חלוקי־דעות; מיר ווען ווי אונדזערע אורעלטערן ניט קענען שרייען: נעשה ונשמע . . . דאָס האָט איר פאַרגעסן!

דעריבער ווילט זיך פרעגן: ביים ראַנד פון אָנהויב, איז ביי מיר אַ פרעג, וואָרט, אַ קשיה; יידן האָבן געהאַט אַ סך אָנהויבן. . .

טאָ וואָס־זשע איז אייער אָנהייב?

אָנהאַלטן מחלוקות צווישן שרייבער און שרייבער?

דאָס איז געוויס ניט קיין אָנהייב; צי וועט עס זיין דער סוף?... אויס מיט די ראַנדשאַפטן?

יאָסל קאָהנס בוך איז אָנגעפּראָשעט מיט אַ סך זאַלץ און פעפער; פאַר אַ סביבה וואָס איז צעוואָונדיקט איז עס זייער שמאַרציק, ווייטיקדיק; דאָך, לאָ־די עס טוט בפירוש יעדן ווי, איז אָסור, אויב עמיצער איז גרייט אויפצוגעבן דאָס זאַלץ און פעפער; ניט ווערליק מע קאָכט ביי אונדז ליטעראַטור געקעכץ. . .

## פריינט און לייענער פון „חשבון”:

טוט אייער קולטור־חוב! קומט ניט אָפּ נאָר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש אַז ס'איז זייער נויטיק דאָ אַ שריפט אין יידיש — באַווייזט עס מיט מעשים. ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט פון דעם זשורנאַל „חשבון”.

**אַבאַ קליגער**

# דער ניגון

נאָך פלאַטערן אום עכאָס וועגן שררות לעגענדאַרע
די טרעגער גאַר-דערהויבענע פון וואונדער און צויבער;
נאָך פינקלט זייער וואוינאָרט ערגעצוואו דורך אַ שפּאַרע,
וואָס שיינט פאַר מנין קוים, צי נאָך וויניקער גלויבער.

עניוותדיקע פרינצן פון דערבאַרעם און נבואה —
דערציילט אַן אַלט ספרל מיט גרוים חכמה אָנגעטרונקען —
דאָס פלאַמען זיי יחידים אויף, געלייטערטע און ראוי,
מיטן ניגון — אָנגעצונדן אין טליענדיקע פונקען.

באַפליגלער געבענטשטע מיט ווייט-זעענדיקע אַפּלען
און נאָענטע ווי טויבן וועמען קינדער באַגריסן;
אַ ליד אין אַ חלום וועגן עולים אויף שטאַפּלען
פון ווערטן אַלטצייטיקע און אַ העכערן וויסן.

ניטאָ קיין אַלייען וואו אָנגעבלימלטע צום היכל
געחלומטן פון גייער נע-ונד'ע, איינגעמידטע;
אין האַרצקלויז וואָס וואַרעמט מער פאַרן פּראָסטיקן שכל
לייכט יום-טובדיק דער עמוד פון דער פורכטיקער כיתה;

די טרעגער פונעם אורוואָרט — זאָל געשען און זאָל ווערן
פאַרוואַנדלט די וויסטעקייט אין פּרדס פאַר געטער —
וואָס אָטעמט דעם ניגון אויס דורך אַן עדה פון שטערן
און ראָלט פון די צייטן אויף דעם פריער מיטן שפּעטער.

און האַלב-וואַכע מיטנעכט אָנגעזאַפּטע מיט דבקות
צעפּעכערט זיך אין דמיון אַ דערבאַרעמדיקער אָרעם
און ווער אויסגערייניקט איז פון אומעט און ספקות
דערזעט זיך ביים באַלעמער אין זייערע אינער חדרים.

דורך בליציקע מחשבות, איבער אַנגעפּיינטע טיפן,
פאַרוואָלגערן זיי מחיצות פון דורות־אַלטן שפּליטער
און שפּיגלען אָפּ דעם חותם פון זייער יחוס, אויסגעשליפן
אויף קרוינען — אַנפאַרטרויעטע צו לויטערע געמיטער.

אין שווערע טעג פון נסיון וואָס טוען אין זיי אָנען,
ווערט אויפגעלייזט די אומרו מיטן פחד פון אַנטקעגן,
אַז ווער אונטערוועגנס ערגעץ זאָל זיי זען פונוואַנען,
זאָל שפּאַנען אָנגעזונט און ביי בלינדע ניט פרעגן.

אַז ווער אין זיין מיאונג זאָל פאַרצאַמונגען דורכברעכן
און זוכן וואו אַ פונק פון זייער פוסטראָט פאַרווישטן,
וואָס ברענט אוים דאָס פרעמד־גראָז אין פאַרווילדעטן געדעכן
און צינדט אָן דאָס וואָרט זייערם מיט אַ ריטעם דערפרישטן.

איך האָב עס בשותפות מיט יענעם ספרל געלערנט
אויפן פּנים פון די דורות, אין די קנייטשן פון זייער מינע;
אין זעאונגען וואָס האָבן מיינע וועגן באַשטערנט,
געלויכטן האָט דאָס בת־קול פון דער מאַגישער נגינה.

אפילו אין דער מהומה פון צערודערטן געזעמל,
וואָס אַמפּערט זיך מיט שאָטנס אין פאַראומערטע לעבער,
דערגייט אַמאָל אָן אָפּגלאַנץ פון אַ נסימדיק פלעמל,
דערהייבט זיך אַמאָל איינער פון אַרום וואָס איז העכער.

בסדר אַזוי, כסדר, אין מיט פון גנאָד און יסורים,
געפירט פון די מזלות וואָס גייען נאָך אין לויער,
טאָגט אויף פאַרן קלעטערער צום געחלומטן טורעם
אַ ניגון — מיט אַלע ריחות באַהאַלטענע אין זוהר.

**יחזקאל בראנשטיין**

# פּאָעטן און זייערע לידער
(עסייען)

דער גורל פון פּאָעטן איז אַנדערש פון דעם גורל פון געוויינלעכע מענטשן אין דעם זין, וואָס די חושים ביי פּאָעטן זיינען מער פאַרשאַרפט און אויך מער זעעוודיק, ווי די חושים ביי געוויינלעכע מענטשן.

פּאָעטן זיינען דערצו אויך געבענטשט מיט אַ זעלטענעם כוח הדיבור — אין שריפט — וואָס דערמעגלעכט זיי צו באַקליידן זייערע רעיונות, איבער־לעבונגען אין אַלגעמיין, עמאָציעס און זעאונגען, אין דער קלאָרקייט פון אַ שפּראַך־לבוש, וואָס איז קאַפּאַבל אַרויסצורופן ביי דעם געוויינלעכסטן מענטשן אַפילו, די אילוזיע פון אַן אייגענער איבערלעבונג.

צוליב אָט־די אייגנשאַפטן פון פּאָעטן, זיינען זיי דערביבער אין אַ לאַגע צו קענען איבערשאַפן באַשטימטע פאַזן פון דעם לעבן אין דער פאָרם פון לידער, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם אויפלויכט פון זייער געמיט, זיי באַפּליישן און באַבלוטן מיט דעם צויבער פון זייער פּערזענלעכקייט, אין זיי אַריינאָטעמען די דינאַמיק פון זייער אייגענעם עמאָציאָנעלן לעבן, און זיי אין לעצטן סך־הכל פאַרוואַנדלען אין דויערהאַפטע ווערטן איבער וועלכע די צייט אַפילו קען זעלטן האָבן אַ שליטה.

צוליב דער עכטקייט פון דויערהאַפטע ווערטן ביי פּאָעטן — די לידער זייערע — ווערט דער לייענער מיטגעריסן צו אַן עקסטאַז פון אַליין מגולגל ווערן אין דער בחינה פון אַ שעפערישן מענטשן, וואָס קען אין דער באַטרעפנדיקער מינוט ביים לייענען און איבערלעבן דעם תוכן פון די לידער, אַליין אויך עפּעס ממשיך זיין און דערגאַנצן, ציען ווייטער דעם פאָדים וואָס דער באַטרעפנדיקער פּאָעט האָט פאַרצויגן און אפשר בכיוון איבערגעריסן, מיט דער אויסשליסלעכער כוונה, צו אָנרעגן און דערמעגלעכן דעם אַקטיוו־טראַכטנדיקן לייענער, צו אַקטיוויזירן זיינע פּאָטענצן און אים דערהויבן צו דער דינאַמיק פון ווערן אַ מיטשעפער צו דער עכטקייט פון זיינע איבערלעבונגען, און גאָרן אויסלייג פון זיינע אויסגעוויטיקטע לידער.

די אויסגעוויטיקטע לידער פון אַן עכטן פּאָעט ווערן קיינמאָל ניט געשריבן מיט טינט.

די לידער פון אַן עכטן פּאָעט פיבערן אַלעמאָל מיט דער מיסטיק פון יצירה און דער דינאַמיק פון דעם מאַרך־און־בלוט פון דעם דיכטער.

צוליב דעם ווערן די לידער פון אַן עכטן פּאָעט אויסגעפירט אין אַ געט־לעכער שליחות, ווי אַן אַקט פון קדושה, געשאַפן און ניט אויסגע'מלאכה'ט מיט דעם כוח פון אַפילו גייסטיקער אַקראָבאַטיק, וואָס איז אָבער די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון דעם פסעוודאָ־דיכטער, וואָס שרייבט דווקא און אויסשליסלעך יאָ מיט טינט, וואָס האָט דער עיקרשט אַ נייגונג צו אויסערלעכן פּוץ: רעטאָריק און קינסטלעכער פאָרם — וואָס רעדוצירט זיך ביי אים צו דעם פאַלש־מינץ פון פסעוודאָ דיכטונג אין גענצן־פּיסלעך.

---

י. בראַנשטיין — מחבר פון אַ צאָל ווערק פּאָעזיע און ליט.־קריטישע עסייען. (רעד.)

י. פרידלאַנד

# סאַנדראַ

(דערציילונג)

פון דער סעריע: „אונטער אַמעריקאַנער הימלען“

איידער די באַן שלענגלט זיך אַריין צווישן די בערג וואָס רינגלען אַרום די ישובים, וועלכע ליגן נעענטער צו דער מעטראָפּאָליע סאַן פראַנציסקאָ, שטייט אַ קליינע סטאַציע. ביי אָט־דער סטאַציע שטעלט זיך די באַן אָפּ אויף געציילטע מינוטן, כאָטש זעלטן גייט דאָרט אַרויף אַ פּאַסאַזשיר אויף דער באַן.

דער אויפזעער פון אָט־דער קליינער סטאַציע איז געווען אַ שפּאַניער, ביים נאָמען גאָנזאַלעס, וועלכער האָט געלעבט דאָרטן אַ צאָל יאָרן, מיט זיין פרוי, פּערסעלאַ, און זיין בילד־שיינע יונגע טאָכטער, ס א נ ד ר אַ.

אַרום דעם שטיבל איז וועלכן די גאָנזאַלעסעס האָבן געוואוינט, איז געווען אַ פּרעכטיק־שיינער גאָרטן, וועלכן פרוי גאָנזאַלעס און די טאָכטער סאַנדראַ האָבן זאָרגפעלטיק באַאַרבעט און געפּלעגט. דער גאָרטן און דער האַלב טוצן באַ־בלעטערטע עקאַליפּטן ביימער זיינען באמת געווען ווי אַן אָאַזיס אין דעם גאַנצן מדברדיקן אַרום. יעדן מאָל, ווען די באַן האָט זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט פלעגט סאַנדראַ, זינט זי איז אַ קליין מיידל געווען, אַרויסכאַפּן זיך אויף דער באַן, דורכ־לויפן די וואַגאָנען, מיט נייגער „אַנזעטיקן“ זיך אין די פאַרשיידענע מענטשן וואָס זי זעט דאָ אַזוי זעלטן. אין הייסע טעג פלעגט זי אַרויפטראָגן לעמאָנאַדע, פאַר וועלכע די פּאַסאַזשירן האָבן איר גערן באַצאָלט. אויף צוריקוועגס פלעגט זי אויך צוזאַמענעמען צייטונגען און כלערליי זשורנאַלן און זיי מיטנעמען מיט זיך. זי פלעגט זיך אין זיי אַזוי פאַרטיפן, אַז מ׳האָט זי שוין נישט געקענט אָפּרייסן פון זיי... דאָס איז געווען איר נאָענטסטער קאָנטאַקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט, וואָס איז באַקאַנט געווען צו איר נאָר דורך די בילדער פון די צייטשריפטן און אילוסטרירטע בלעטער. דורך דאָס געלייענטע און געזעענע בילדער אין די כלערליי אילוסטרירטע בלעטער האָט סאַנדראַ אויסגעחלומט פאַר זיך אַ שיינע אימאַגענירטע וואונדערלעכע וועלט. אָט־די שיינע קאַליפאָרניע וועלט איז דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, און זי וואָלט וועלן זיין אַ טייל פון איר...

וואָס עלטער סאַנדראַ איז געוואָרן, אַלץ שטאַרקער איז איר באַגער געוואָרן צו זיין אין דער גרויסער וועלט־שטאָט, מיט אירע פּילצאָליקע מענטשן...

צו איר זיבעצעטן פרילינג איז סאַנדראַ שוין געווען אַ פול־אַנטוויקלט שיין מיידל, פון מיטעלן וואוקס; געדיכט שיינע שוואַרצע האָר האָבן באַקרוינט איר שיינער קאָפּ, פאַרפיקסירט לויט דער מאָדע פון דער צייט; טונקעלע, טיפע, שמייכלענדיקע אויגן; אַ מילד שיין פּנים און אין גאַנצן — אַ לויטער געשטאַלט.

אין אַ שיינעם פרילינג־טאָג האָט סאַנדראַ זיך אַריינגעכאַפּט אין דער באַן, אויפן וועג קיין סאַן פראַנציסקאָ — די שטאָט פון איר חלום. ז י האָט געטראָגן אַ נעט געפּאַסטן אנצוג מיט אַ בלוי „סיילאָר“ היטעלע; דער הילוך האָט געפּאַסט צו איר שיין פּנים און שלאַנקער פיגור.

אַריינפאָרנדיק אין דער גרויסער סאַן פראַנציסקאָ, האָט זי דערזען דעם פּראַכט און גלאַנץ פון דער שטאָט, אין ממש, רעאַל. דער פּאַסיפיק האָט געגלאַנצט און שעמערירט אַנטקעגן דער פרילינג זון; די בריקן און די גרויסע בנינים זיינען געווען גראַנדיעזער און אויסטערלישער ווי זי האָט זיך געמאָלן אין דער פאַנטאַזיע. זי האָט געדונגען פאַר זיך אַ צוגעבגלעכן צימער און תיכף זיך אַרויסגעלאָזן זוכן אַרבעט, וואָס וועט זיך מאַכן. טאָג־איין, טאָג־אויס איז זי געגאַנגען פון איין אַרבעטס ביוראָ צו אַ צווייטער, האָט אָבער צו קיין זאַך ניט געקענט זיך דערשלאָגן. נאָך אַ פּאָר וואָכן פון אַרבעט זוכעניש און ניט געפינען זיינען די עטלעכע דאָלער, וואָס זי האָט מיטגענומען פון דער היים, צערונען געוואָרן. ניט האָבנדיק דאָ קיין פריינט און נאָענטע, האָט זי מיטאַמאָל דערפילט, אַז זי איז דאָ היימלאָז און אַ פאַרוואָרלאָזטע. דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט איר איצט געמאַטערט די האַרבע פראַגע: וואָס זאָל איך טאָן? צו וועמען זאָל איך גיין? און צו וועמען קאָן איך זיך ווענדן פאַר הילף?...

במשך די אַכצן יאָר פון איר יונג לעבן האָט זי קיינמאָל ניט געוואוסט פון אַזאַ פּראָבלעם ווי, נישט האָבן אויף קיין עסן אָדער וואו איבערצונעכטיקן. אין דעם וויטן, פאַרוואָרפענעם, כמעט איינזאַמען ווינקל ביי אירע עלטערן, האָט איר קיין זאַך ניט געפעלט. זי האָט געהאַט עסן צו זאַט, אַ דאַך איבערן קאָפּ; און דאָ, אין אָט־דער אויסגעחלומטער פאַר איר גרויס־שטאָט, צו וועלכער זי האָט זיך ממש געריסן און זיך געוואונטשן צו ווערן אַ טייל פון איר, האָט זי איצט נישט קיין ווינקל וואו איבערצונעכטיקן... אין צימער, וואו זי איז ביז איצט איינגעשטאַנען, האָט זי זיך נישט געקענט צוריקקערן, מחמת, ניט האָבנדיק מיט וואָס אָפּצוצאָלן דעם חוב וואָס זי איז שולדיק. צו די עלטערן שרייבן האָט זי זיך געשעמט, מחמת זיי האָבן לכתחילה זיך ביי איר געבעטן, אַז זי זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די פאַנטאַזיע וועגן די גרויסע מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן פאַר זיך אין דער גרויסער שטאָט.

וואַנדערט זי איצט אַרום גאַס־איין, גאַס־אויס, מיט אַ שווער געמיט און נאָך אַ שווערערן קאָפּווייטאָג, טראַכטנדיק וואָס דאַך צו טאָן?

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן איז זי נאָכמער אומרואיקער געוואָרן: דער געדאַנק, אַז איר וועט אפשר אויסקומען אַזוי אַרומצוואַנדערן אַ גאַנצע נאַכט, האָט איר מוראדיק געשראָקן און דענערווירט. זי האָט אָנגעהויבן גיין מיט גיכע טריט, ווי פון עמיצן געטריבן, ביז זי איז צוגעקומען צו אַ העל־באַלויכטענער גאַס. פון דאָרט איז זי דערגאַנגען ביז די גאַסן פון דעם אָרעמען קוואַרטאַל, וואו ס'האָבן זיך געפונען ביליקע ביר סאַלאָנען און טאַנץ־זאַלן. אין איר גאַנצער דאָרפישער אומשולד האָט זי אָבער תיכף דערפילט, כאָטש געווי ניט ווייסנדיק וואָס פאַר אַ זינדיקער געגנט דאָס מוז אַוודאי זיין, און איז מיט אימפּעט פון דאָרטן אַוועק.

אַרויסקומענדיק פון יענע גאַסן, איז זי אַריין אין אַ ווייניק באַלויכטענער גאַס מיט ביליקע האָטעל־הייזער. דאָ האָט זי באַמערקט אויף איין אַלטן בנין אַ שוואַך באַלויכטן שילדל מיט אַן אויפשריפט: „פופציק סענט פאַר אַ נאַכטלעגער.” זי האָט זיך דערפריידט, אַזויפיל האָט זי נאָך געהאַט אין איר באַזיץ. ווען זי איז צוגעקומען נאָענטער צום פּלאַץ האָט זי אָבער נישט געקענט פועלן

ביי זיך אַרויפצוגיין די טרעפּ; עפּעס האָט דער פּלאַץ אָנגעוואָרפן אויף איר אַ מרה־שחורה: עס איז געווען אַלט און שמוציק; אַ פּלאַץ וואָס האָט סוגעסטירט זינד און פאַרברעכן. זי איז אַרומגעגאַנגען די געביידע אומאַנטשלאָסן. זי מוז דאָך אָבער פאָרט האָבן אַ פּלאַץ וואו איבערצונעכטיקן! זי וועט דאָך נישט אַרומגיין אַזוי די גאַנצע נאַכט און וואַנדערן...

ענדלעך האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און איז אַריין אין דער פאָדערטיר פון דעם האָטעל. ברודיקע סקריפּנדיקע טרעפּ האָבן זי אַרויפגעפירט צום ערשטן שטאָק. ביי אַ טונקל־קאָלירלאָזן טיש איז געזעסן אַ מיטליאָריקער מאַן אין אַ ווייס־און־שוואַרץ קעסטלדיק העמד, ווי אַ שאַך־ברעט, מיט אַ רויכער־פּיפּקע אין זייט פון מויל. זיינע שווערע גרויסע פיס האָט ער געהאַלטן אויסגעצויגן אויפן טיש און פויל אַריינגעקוקט אין אַן אילוסטרירטן זשורנאַל. דער פאַרשוין, ניט בייטנדיק זיין פּאָזיציע, האָט דער צעשראָקענער און שווייגנדיקער סאַנדראַ פויל און אַפּאַטיש אַ פרעג געטאָן וואָס זי וויל. סאַנדראַ האָט שטיל, שעמעוודיק, מיט אַ ציטער אין קול געפרעגט, צי ער האָט אַ בעט איבערצונעכטיקן. דער פאַרשוין מיט דעם קעסטלדיקן העמד, ניט אַרויסלאָזנדיק די פּיפּקע פון מויל, האָט שמייכלענדיק און וואוליונגעריש זי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און כמעט ווי מיט רוגזה אַ זאָג געטאָן:

— ווייסטו דען נישט, אַז דאָס פּלאַץ איז בלויז פאַר מענער?

— אָ, אַנטשולדיקט, מיין טעות — האָט סאַנדראַ צעשראָקן און פאַרוואונדערט זיך פאַרענטפערט. אין איר צערודערטן געמיט האָט זי אַפּנים פאַרזען אויף דעם שילד: „נאָר פאַר מענער."

דער פאַרשוין האָט זיך מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן פון זיין פּלאַץ, פאַרכאַפּט פון עפּעס אַ געפיל, און אָנגעהויבן זי נאָכרופן:

— יאָ, יאָ, מיידעלע, קום אַרויף! פאַר דיר, מיין זיסקייט, וועל איך שוין געפינען אַ פּלאַץ!

די צעשראָקענע סאַנדראַ האָט שוין די לעצטע ווערטער זיינע נישט געהערט, אַרויסלויפנדיק פון דאָרטן ווי פון אַ פייער...

סאַנדראַ האָט זיך ווידער געפונען אין דעם פרעמדן דרויסן, און די האַרבע פראַגע וואָס צו טאָן איז פאַר איר געשטאַנען ווי אַ גרויליק, שרעקלעכער שד, וואָס וויל זי פאַרצערן. . . אַ מידע האָט זי זיך ווידער דערשלעפּט צו דער העל־באַלויכטענער מאַרקעט גאַס. דאָ האָט זי דערזען אַזויפיל שיין־דעקאָרירטע שוי־פענצטער מיט כלערליי שיינע הויז־זאַכן, רייכע קליידער, אַפּעטיטנע עסנוואַרגן, אַז ס'האָט ממש פאַרכאַפּט איר אויג און „געוואַסערט" דאָס מויל. . . אַ סך פּאָר־לעך, מענער און פרויען, האָבן געמיטלעך שפּאַצירט געאָרעמט; זאַטע, זאָרגלאָזע, פריילעכע און לאַכנדיקע; נאָר זי, איינע אַליין, אין דער גרויסער פאַרהאַרטע־וועטער שטאָט פון שטיין און אייזן, איז דאָ עלנט, הונגעריק און פאַרוואָרלאָזט... אין אירע אויגן האָט זי דערפילט אַ פייכטקייט און אין האַרצן האָט געקלעמט אַ ווייטיק. . .

סאַנדראַ האָט געטראָגן אויף זיך דאָס בעסטע וואָס זי האָט געהאַט: אַ שיין נעט קליידל מיט אַ קורץ, בלוי, געפּאַסט מאַנטעלע; אַ בלוי „סיילאָר" היטעלע און גאַנץ אַנשטענדיקע שיך. זי איז געווען שיין, גראַציעז. אפילו איר

איצטיק מאָמענטאַנער מצב פון צרות און דאגות האָט פונדעסטוועגן ניט פיל באַווירקט אירע טיפע, טונקל־ברוינע אויגן און אויך ניט פאַרבלאַסט אירע קאַר־מין־רויטע ליפּן. זי איז געגאַנגען מיט איר גראַציעז געשטאַלט, שטאָלץ און ווירדיק, און האָט אויך נישט פאַרפעלט צו באַמערקן, אַז די פאַרבייגייענדיקע מענער קוקן אויף איר מיט אַזעלכע גייציק הונגעריקע אויגן... די מער געשיי־טערע האָבן אפילו זי נאָכגעקוקט נאָכדעם ווי זי איז זיי שוין פאַרבייגעגאַנגען... אַ לייכטער שמייכל האָט עס ביי איר אַרויסגערופן, אָבער טאַקע נאָר אויפן מאָמענט. ווידער האָט די שרעק און מורא פאַר דער מאָנסטער שטאָט זי באַ־הערשט און דאָס ניט האָבן וואו איבערצונעכטיקן איז געהאַנגען איבער איר ווי די שאַרף פון אַ דאמאָקלעס שווערד...

סאַנדראַ איז פאַרבייגעגאַנגען אַ 20־סענטיקע קינאָ; אַן עלעקטריש שילד איז געהאַנגען איבערן אַריינגאַנג און געלאָזט וויסן די פאַרבייגייער, אַז די „מואווי”־הויז איז אָפן אַ גאַנצע נאַכט. מיר און צעבראָכן פון אַרומוואַנדערן איבער די גאַסן איז זי געווען; וואו צו נעכטיקן האָט זי בישט; וועט זי גאָר אַריינגיין אין אָט־דעם קינאָ־טעאַטער. דאָרטן וועט זי איינבעסטלען זיך אין אַ זיץ־פּלאַץ; זי וועט אַזוי אַרום אָפּרוען זיך, כאַפּן אפשר אַ דרימל און אין הונגער וואָס האָט איר זייער געמאַטערט... פאַרגעסן. זי האָט באַצאָלט צוויי דיימס און איז אַריין אין טעאַטער.

אויפן לייוונט האָט זיך געוויזן איצט אַ בילד, וואָס ווי שטאַרק מיד זי איז געווען, האָט עס איר שטאַרק פאַרכאַפּט...

אַ באַנדע גאַלאָפּירנדיקע מענער אויף פערד האָבן זיך געיאָגט דורך טאָלן און משופּעדיקע בערג, כדי צו מאַכן אַן איבערפאַל אויף אַ גרויסן און רייכן גוט־באַזיצערס „ריינדזש”. דער „ריינדזש” איז געלעגן אַרומגערינגלט פון קלענערע און גרעסערע פוס־בערגלעך. אַ גרויסער שטח לאַנד פון טויזנטער אַקער, ווייט און ברייט, וואָס גרעניצט זיך מיטן האָריזאָנט, צו צפון, צו דרום, צו מזרח און מערב, איז אַלץ געווען דאָס אייגנטום פון דעם רייכן לאַנד־באַזיצער, דזשאָזעפּאָ מענדאָזאַ. אויף די גריגע פעלדער זיינע האָבן זיך געפּאַשעט זיינע פעטע קי, שאָף און פערד. פון ווייטנס האָט זיך געזען אַ גרויסער שלאָס, אַ פּאַלאַץ, אין וועלכן ס'האָט געוואוינט דער רייכער סעניאָר מענדאָזאַ און זיין איין־און־איינ־ציקע שיינע טאָכטער, אַנדזשעלינאָ. די איבערפאַלער האָבן זיך געיאָגט צו פאַר־כאַפּן אַ טייל פון דער סטאַדע שאָף און בהמות און בעיקר האָבן זיי געפּלאַנט מיטצונעמען מיט זיך די שיינע אַנדזשעלינאַ. אַ ביטער געפעכט איז אָנגעגאַנגען צווישן די איבערפאַלער און מענדאָזאס אַנגעשטעלטע און אַרבעטער. פעדראָ, מענדאָזאס געטרייער דינער, האָט מיט אויסערגעווינלעכער העלדישקייט אָפּ־געשלאָגן די אַטאַקירער און אַרויסגעראַטעוועט די שיינע אַנדזשעלינאַ פון דער באַנדעס הענט . . .

פאַר זיין גרויס העלדישקייט און איינשטעלן זיין לעבן פאַר דעם באַלעבאָס' טאָכטער, ווערט דער געטרייער דינער, פעדראָ, דערהויבן פון סעניאָר מענדאָזאַ אַלס דער הויפּט אויפזעער פון זיין גאַנצן רייכן גוט.

אַנדזשעלינאַ איז באַזונדערס דאַנקבאַר געווען צו פעדראָן און אים זייער שטאַרק ליב באַקומען. צווישןביידן אַנטוויקלט זיך אַ שטילער און זייער שיינער ראָמאַן — אַזוי שיין און אידיליש, ווי די גאַנצע נאַטור און לאַנדשאַפט אַרום...

ביז וואַנען דער אַלטער מענדאַזאַ געפינט אויס, וואָס ס'קומט פאַר צווישן דעם יונגן פּאָר, איז שוין אַנדזשעלינאַ גאָר היפּש אין דער ליבע מיט איר פאַרגעטערטן פּעדראָן... און דאָ פּאַסירט דאָס געוויינלעכע, ווי מ'קען דערוואַרטן: דער רייכער מענדאַזאַ איז שטאַרק אומצופרידן, איז אין כעס און ביזערט זיך; איז גרייט דעם אָרעמען טיוול, פּעדראָן, צו שיסן. ער וויל בשום אופן נישט זיך מתחתן זיין מיט זיינעם אַן אָרעמען פּועל. ס'טייטש: זיין איין־און־איינציקע טאָכטער, אַנדזשעלינאַ, אין וועמעס אָדערן ס'פליסט דאָס נאָבעלע אַריסטאָקראַטישע בלוט, זאָל זיך גאָר צוזאַמענפּאָרן מיט אַזאַ נידריקן פּראָסטאַק, מיט זיינעם אַ דינער, זיין שקלאַף! ער האָט עס בשום אופן נישט געקאָנט איבערטראָגן. פּעדראָ, ווידער, איז געווען גרייט מיט פייער און שווערד צו קעמפן פאַר זיין געליבטער אַנדזשעלינאַ... און זי ווידער איז אויך גרייט געווען אויף אַלץ ווען נויטיק: זי וועט מיט אים אפילו אַנטלויפן אין די טיפענישן פון די בערג אָדער אין די ווייטע טאָליקע פלאַכן; פאַסטוכער וועלן זיי ווערן, אַן אָרעמען לעבן וועלן זיי פירן, אַבי נאָר מיט איר געליבט און העלדישן פּעדראָן צוזאַמען זיין...

די ליבע צווישן פּעדראָן און אַנדזשעלינאַ, די נאַטור־שיינקייט אַרום דעם בילד און בכלל די גאַנצע סיפּור המעשה האָט אַזוי שטאַרק פאַרכאַפּט דער סענסיטיווער, דאַרפיש נאַאיווער סאַנדראַן, אַז זי האָט כמעט ווי פאַרגעסן אין איר הונגער און איר איצטיקער לאַגע, און האָט אפילו אויף אַ מאָמענט ניט דערפילט אויף זיך די האַנט־באַריר פון דעם נעבן־איר זיצנדיקן שכן... סאַנדראַ איז גלייך צו זיך געקומען, האָט מיט שרעק זיך אַ כאַפּ געטאָן און מיט שטילן פּראָטעסט אָוועקגעשאַרט דעם פרעמדנס האַנט פון זיך און אָפּגערוקט זיך פון אים. איר ערשטער אימפּולס איז געווען אַרויסלויפן פון טעאַטער, האָט זי זיך אָבער גלייך געכאַפּט: וואו וועל איך לויפן? האָב איך דען אַ היים, אַ פריינט ביי וועמען צו זוכן באַשיצונג?

ווען דאָס ערשטע בילד איז פאַרענדיקט געוואָרן און ס'איז ליכטיק געוואָרן אין טעאַטער, האָבן זיי זיך ביידע איינע די אַנדערע איבערגעקוקט. ווי איבערראַשט סאַנדראַ איז געוואָרן, ווען זי האָט דערזען, אַז דער נעבן איר זיצנדיקער פאַרשוין, פון וועמען זי האָט זיך נאָר־וואָס אָפּגערוקט, איז גראַד געווען אַ גאַנץ אַנגענעמער, שיינער, עלעגאַנט־געקליידעטער יונגערמאַן, מיט אַ פיין סימפּאַטיש פּנים, וואָס רופט אַרויס צו זיך צוטרויען... איר געפיל צו אים האָט זיך מיטאַמאָל געביטן. אין דעם מאָמענט האָט זי זיך געוואונטשן, אַז ער, דער נעבן־איר זיצנדיקער, זאָל כאָטש זיין איצט אירער אַ ברודער, אַ באַשיצער... ער איז איר דווקא געפעלן געוואָרן... עפּעס האָט זי דערפילט צו אים כמעט ווי אַ נאָענטקייט אין איר איצטיקן עלנטן מאָמענט, האָט זי זיכער געמוזט האָבן אַ נאָענטן, אַ פריינט. געדענקט האָט זי, אפשר וועט זי ביי אים געפינען פריינדשאַפט און הילף. זי האָט אים צוגעוואָרפן אַן אומשולדיק שמייכל, וואָס ס'האָט כמעט ווי געמיינט, אַז זי האָט מיט אים שלום געמאַכט . . .

ווען אַ צווייט בילד האָט זיך אויפן לייוונט באַוויזן, האָט דער אומבאַקאַנטער שכן אירער שוין דרייסטער און בעענטער זיך צו איר צוגערוקט; און ווען זיין האַנט האָט ווידעראַמאָל באַרירט אירע, האָט זי שוין דעם מאָל נישט אָפּגערוקט זיך פון אים, נייערט זיין נאָענטקייט אויף זיך געלאָזט פילן...

סאַנדראַ איז שפּעטער אַרויס פון טעאַטער און, דער אומבאַקאַנטער יונגערמאַן, וועלכער איז געזעסן נעבן איר, האָט זי תיכף נאָכגעפאָלגט. אויסגעגלייכט זיינע טריט מיט אירע, האָבן זיי דערנאָך צוזאַמען שטיל און באַשיידן, אין דער העל־באַלויכטענער מאַרקעט־גאַס שפּאַצירט, ווי אַ סך אַנדערע נאַכטיקע פּאָרלעך.

אין איינעם פון די נאַכט־רעסטאָראַנען איז סאַנדראַ ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן מיט איר אומבאַקאַנטן פּריינט, ביי אַן אָפּגעזונדערט טישל מיט כלערליי מאכלים און געטראַנקען און מיט גרויס אַפּעטיט פון אַ שטאַרק הונגעריקער, האָט זי געשמאַק פאַרצערט די שפּייז. בעת סאַנדראַ איז געווען פאַרנומען מיטן עסן, האָט דער אומבאַקאַנטער באַגלייטער אירער, זי אויסגעפרעגט אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט וויסן: ווער זי איז, פון וואַנען זי קומט, מיט וואָס זי באַשעפטיקט זיך, צי האָט זי דאָ פריינט, ווי לאַנג שוין איז זי דאָ אין „פּריסקאָ" און וואו זי וואוינט?..

סאַנדראַ האָט אין איר דאָרפישער נאַאיוויטעט אויף אַלע פראַגן זיינע אים געגעבן די ריכטיקע ענטפערס. צו זיין צופרידנקייט האָט ער שוין געזען פאַר זיך זיין קרבן געפאַנגען... אַ סך, אַ סך גרינגער ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט.

דער אומבאַקאַנטער „פריינט" האָט דערקלערט סאַנדראַן, אַז ער וועט זי אָנשטעלן צו אַרבעטן אין אַ „ביוטי פּאַרלאָר", אַזאַ מין שיינהייט סאַלאָן פאַר פרויען. ס'הייסט, זי וועט דאָרטן דאַרפן אַרבעטן און לערנען זיך די מלאכה פון „מאַסאַזשירן" — שיין און יונג מאַכן די, וואָס קומען אַרויף אַהינצו פאַר דעם צוועק. פאַר דער דאָזיקער אַרבעט וועט זי קריגן גוט באַצאָלט און מיט אַלעם פּאָרטיקן . . .

סאַנדראַ, אין איר גרויסער פאַרצווייפלונג, האָט זיך אָן דעם אָנבאָט אָנגעכאַפּט ווי אין אַן אבן־טוב! אויף אַזאַ אומדערוואַרטעט „גליק" האָט זי זיך גאָרניט געריכט! איר וועט שוין מער נישט אויסקומען צו הונגערן און וועט אויך האָבן אַ דאַך איבער איר קאָפּ. האָט זי זיך טאַקע אויף דעם מאָמענט געפילט זייער גליקלעך פון דער געלעגנהייט, וואָס האָט זיך אַזוי אומדערוואַרטעט און אין דער צייט, אונטערגערוקט צום האַנט...

סאַנדראַ איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די שיינע און ליבלעכע רייד פון איר עלעגאַנטן אומבאַקאַנטן „פריינט", אַז זי האָט אָנגענומען אַלץ וואָס ער האָט צוגעזאָגט, פאַר „גוט געלט." אין אָנהייב האָט זי ניט געוואוסט און זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אָט־די דאָזיקע, אַזוי־גערופענע „ביוטי־פּאַרלאָר" איז גאָר אַ נעסט פון זינד און פּראָסטיטוציע. ווען זי האָט שוין אָנגעהויבן באַגרייפן ווי אַזוי קונציק זי איז דאָ פאַרנאַרט געוואָרן און וואָס מ'פאָדערט פון איר, איז זי שוין געווען אין אַן אייזערנעם קלעם, אין די נעגל פון אַ מאַכט, וואָס איז שוין נישט אַזוי גרינג געווען פון דאָרט זיך אַרויסצודרייען...

סאַנדראַ האָט צוביסלעך שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, מיט איר ביטערן מזל און פאַטאַלן גורל, פון דער אומגליקלעכער לאַגע אין וועלכער זי האָט זיך געפונען; אַן ווידערשטאַנד, אָן פּראָטעסט, אויסערלעך שטיל און באַשיידן, האָט זי זיך אונטערטעניק נאָכגעבעריש אונטערוואָרפן; כאָטש אינערלעך איז דאָס האַרץ אירס, פון פאַרדרוס און ווייטיק, שטאַרק צוריסן געוואָרן. איר שטילע, נאָכגיביקע, האַלב־שקלאַפישע נאַטור, איר מורא אַרויסצואווייזן פּראָטעסט און ווידערשטאַנד, מע זאָל איר נישט פאַרשפּאַרן און מערדערלעך צעשלאָגן, ווי די

אַנדערע מיידלעך אין דער זעלביקער לאַגע, האָט זי אָנגעהויבן צוביסלעך מאַכן דעם איינדריק אויף איר „מאַדאַם", אַז סאַנדראַ זעט אויס צו זיין צופרידן מיט איר „שטעלע"... מ׳האָט אָנגעהויבן צוביסלעך אַ ווייניקער וואַכזאַם אויג אויף איר צו האַלטן; מ׳האָט אפילו אָנגעהויבן צו געבן איר אַביסעלע מער פרייהייט, ווי די אַנדערע, די מער פראָטעסטירנדיקע מיידלעך.

איינמאָל, נאָך אַ צען־וואָכיקן אַפּזיין אין דעם אַזוי־גערופענעם „שיינהייט־סאַלאָן", האָט זי, אומבאַמערקט פון קיינעם, אַרויסגעשפּאַצירט אין גאַס, ניט האָבנדיק אפילו אַ טראַכט געטאָן פון צו אַנטלויפן. מורא האָבנדיק פאַר אַזאַ מעגלעכקייט, איז זי לאַנגזאַם געגאַנגען, גאַס איין, גאַס אויס, ביז זי האָט פאַר־בלאָנדזשעט אין אַ לאַבירינט פון געסלעך, ניט ווייסנדיק דעם וועג אויף צוריק. ס׳איז געווען אַ פאַרנאַכט, אַ שטאַרק וואָלקנדיקער, אַ נאַסער און אַ טונקעלער. דער אָוונט איז ווי מיטאַמאָל צעגעפאַלן און אַ שווער געדיכטער, נאַסער טוי האָט זיך פון ים־ברעג געטראָגן, אַרומגענומען די גאַסן מיט אַ שווערן טומאַן און געדיכט געלייגט זיך אויף די הייזער און פאַרבייגייער...

סאַנדראַ האָט מיטאַמאָל דערפילט אַז זי איז פריי, קיינער יאָגט זי נישט נאָך. וואָלט זי אפילו וועלן איצט גיין צוריק, איז אויך דער וועג איר פרעמד אין אָט־דער פינצטערניש. אַ בליציקער געדאַנק איז אין דעם מאָמענט איר אַרויפגע־קומען: אפשר גאָר אַנטלויפן פון דאַנען?... אָט־דער אויסטערלישער געדאַנק האָט פיבעריש אָנגעהויבן אויף איר צו אַרבעטן: — יאָ, איך מוז זיך ראַטעווען; איצט אָדער קיינמאָל! כ׳וועל בעטן מענטשן, כ׳וועל זיי דערציילן דעם אמת; מ׳וועט מיר מוזן העלפן אַפּצושיקן מיך אַהיים צו מיינע עלטערן.

דער דאָזיקער געדאַנק און באַשלוס האָט געשטאַרקט און געמוטיקט סאַנד־ראַ׳ס ווילן. זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און כוח און, מיט דער הילף פון אַ פריינטלעכער פאַמיליע, וועלכער זי האָט געגנוי דערציילט, ווי אַזוי זי איז פאַר־נאַרט געוואָרן פון אַ רשעותדיקן מענטשן אין אַ פאַסטקע און זי וויל אַנטלויפן פון אָט־דעם מוראדיקן פלאַץ — זיך אַרויסראַטעווען פון אָט־דעם גיהנם...

די גוטע ערלעכע מענטשן האָבן סאַנדראַן געגעבן פלאַץ צו איבערנעכטיקן און, מיטן באַגינען איז זי מיט זיכערקייט אָפּגעפירט געוואָרן צו דער סטאַציע, אין דאָרף פון אירע עלטערן.

סאַנדראַ האָט באין אופן נישט געקענט פאַרגעסן אָט־יענע קאָשמאַרנע איבערלעבונג וואָס זי האָט דורכגעמאַכט אין דער גרויסער שטאָט. אַ צייט לאַנג איז זי באַכדעם, שוין ביי די עלטערן, אַרומגעגאַנגען, שווייגנדיק, מעלאַנכאָליש און פאַר׳מרה־שחורה׳ט. זי איז ס׳רוב געזעסן אין שטוב. האָט די באַן זיך אָפּ־געשטעלט ביי דער סטאַציע, האָט זי מער קיין אינטערעס נישט געהאַט אַרויס־צוקומען, ווי פריער, זען די מענטשן דורך די פענצטערלעך פון די וואַגאָנען אַרויסקוקנדיק, אָדער גאָר דורכגייענדיק די וואַגאָנען, ווי זי פלעגט עס אַ צייט לאַנג טאָן מיט אייפערדיקן אינטערעס. די עלטערן האָבן נישט געקענט משיג זיין וואָס איז עס געוואָרן פון זייער פריילעכער, תמיד זינגעוודיקער סאַנדראַ, זינט זי איז צוריקגעקומען פון „פריסקאָ"?!... פון איר טראַגישער איבערלעבונג אין דער גרויסערשטאָט האָבן זיי נישט געוואוסט; סאַנדראַ האָט זיך געשעמט זיי עס צו דערציילן.

ווען די עלטערן האָבן פאַרגעשלאָגן, זי זאָל אפשר צופאָרן אין דער גרויסער שטאָט צו אַ דאָקטאָר, אָדער גאָר פאַר צושטרייאונג, האָט זי בישט געוואָלט הערן אָדער ריידן וועגן דעם: האָבן זיי איר צורו געלאָזט און געהאָפט, אַז די צייט וועט בייטן איר שטימונג און הויבן איר געמיט.

דער האַרבסט און אומעטיקער ווינטער איז אַוועק און דער פרילינג איז געקומען און מיט דעם איז אויך סאַנדראַס מעלאַנכאַליע צוביסלעך פאַרשוואונדן. מיט נייעם אינטערעס און אויפלעב האָט זי זיך פאַרטיפט אין דער אַרבעט פון גאָרטן ביי די בלומען. זי האָט אויך אָנגעהויבן לייענען זשורנאַלן, ערנסטע ביכער, וואָס דער פאָטער האָט דורך אַ יונגן באַן־אָנגעשטעלטן — וועלכער פלעגט זיך אָפּט נאָכפרעגן אויף סאַנדראַן — פאַר איר באַשטעלט. די באַקאַנטשאַפט מיט דעם יונגן שיינעם באַן־אָנגעשטעלטן האָט אַ סך גורם געווען, אַז סאַנדראַ זאָל זיך וואָס מער באַפרייען פון איר מעלאַנכאָלישער שטימונג און געמיט און האָט אָנגע־הויבן צוריק געווינען איר פריערדיקן לעבהאַפטיקן שמייכל און גלייכגעוויכט.

דער יונגער באַן־אָנגעשטעלטער, ביים נאָמען סטיוו, האָט ערנסט זיך פאַר־אינטערעסירט אין סאַנדראַן. ער פלעגט אָפטער אין זיין פרייער צייט אַראָפּקומען פאַרברענגען מיט איר, און, ווען סטיוו האָט אין אַ שיינעם טאָג פאַרגעשלאָגן סאַנדראַן, אַז זיי זאָלן זיך משדך זיין און חתונה האָבן, האָט זי מיט אַנטשלאָסנ־קייט אים געענטפערט, אַז נאָר מיט איין תנאי קען זי צו דעם מסכים זיין: אַז זייער צוקונפטיקע היים און פאַמיליע וואָס זיי וועלן בויען, זאָל דורכאויס זיין אין אַ שיינעם גרינעם טאָל, ביים ראַנד פון די פוס־בערג, צווישן שטילע, ערלעך רואיקע מענטשן, און ניט אין דער גרויסער שטאָט פון האַרבע רשעות און פאַרדאַרבענע זיבד...

# לאָס אַנגעלעסער יידישער פ.ע.נ. קלוב

(אָפּצווייג פון וועלט־צענטער אין ניו־יאָרק)

אין לאָס אַנגעלעס האָט זיך לעצטנס אָרגאַניזירט אַן אָפּצווייג פון דעם אַל־וועלטלעכן פ.ע.נ. קלוב, וועמעס יידישער וועלט־צענטער געפינט זיך אין ניו־יאָרק.

מיט דער אָרגאַניזירונג פון אַ יידישן פ.ע.נ. קלוב דאָ אין שטאָט, האָט די יידישע ל. א. געקראָגן איר אָנערקענונג ווי אַ כוח אין די שעפערישע מעשים פון אונדזערע היגע יידישע שרייבערס, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען שוין לאַנג אַקטיוו און אָנגעזען אין דער יידיש־שרייבערישער וועלט.

די באַאַמטע פון דעם ל. א. יידישן פ.ע.נ. קלוב זיינען: י. פרידלאַנד, פאָר־זיצער; מאַטעס דייטש, פינאַנץ־סעקרעטאַר; און, יחזקאל בראָנשטיין, סעקרעטאַר.

אין בראַזיל האָט זיך אָגב דעם 24טן יולי געעפנט דער אינטערנאַציאָנאַלער פע״ן קאָנגרעס. יעקב באָטאָשאַנסקי און אליהו ליפּינער, זיינען די דעלעגאַטן פון די יידישע פע״ן קלובן איבער דער גאַרער וועלט, וואָס שליסט שוין דאָס מאָל אויך איין אונדזער היגן ל. א. יידישן פע״ן קלוב.

פינטשע בערמאַן

# איך וויל ניט פאַרוואַנדלען אין וואָר מיינע טרוימען

איך וויל ניט פאַרוואַנדלען אין וואָר מיינע טרוימען,
און אַלץ וואָס דאָס האַרץ האָט געגאַרט ווען — דערגרייכן.
איך וויל ניט גאָר טרינקען פון ווייַן זייַנע שוימען,
און וואוינען אין שלעסער געבויט אין די הויכן.

אין טרוים יעדער מענטש איז דיר ליב, איז דיר טייער;
אין טרוים יעדער וועג איז דיר פריי, איז דיר אָפן—
דורך צווייגן צעוויגטע צעשפּילט זיך דער פייער
פון שטראַלן, וואָס ברויזן מיט פרייד און מיט האָפן.

איך וויל ניט די רו פון די שטילע פאַרנאַכטן,
ווען דו ווערסט פאַרלאָרן אין טונקל פון דעמער.
איך וויל ניט די זיסקייט פון ליפּן פאַרשמאַכטע,
וואָס פאַלן צו ראַשיק צום אויסגעשטרעקט עמער...

עס ווערן אין תפילות פאַרוואַנדלט די קלאַנגען
פונם פויגל, וואָס לאָזט זיך אַרונטער אַ מידער.—
אָ גיב מיר די בענקשאַפט, וואָס שטראָמט אין געזאַנגען!
גיב מיר די אומרו, וואָס גייט אויף אין לידער!

## מיין ליד

איך וויל, אַז מיין ליד, ווען ס׳גייט אויף אין אַ תפילה,
זאָל קיינמאָל ניט זיין קיין געבעט פאַר מחילה.
איך וויל, אַז מיין אויג, ווען צום הימלס געוועבן,
זאָל קיינמאָל ניט גלאַנצן מיט טרער פאַר פאַרגעבן.

זאָל בעסער דער פונק פון מיין בלינדן בטחון,
וואָס טליעט דורך דורות פון צער און פון יאָרן,
און זשאַרעט מיט גלויבן, מיט טראָץ און געדולדיק,
זאָל ווערן דער פלאַם פון געשריי „איך באַשולדיק״!

זאָל בעסער דאָס וואָרט פון פאַרדומפּענע גריבער
זיך רייסן אין לאָדנס, אין פענצטער, אין שטיבער,
און אייביק מיין ליד זאָל דערמאָנען און מאָנען
ביי מענטשלעכע שוועלן, ביי געטלעכע טראָנען . . .

**יצחק אייזנבערג *)**

(ספעציעל פאַרן „חשבון“)

# שלמה בערלינסקי — לזכרון

פיל דערציילונגען פון שלמה בערלינסקי איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אין אַ רייע צייטונגען נאָך אין פאַר־מלחמה'דיקן פוילן, אָבער פערזענלעך האָבן מיר קענען געלערנט איינער דעם צווייטן בלויז דאָ אין מדינת ישראל, אַ קורצע צייט נאָך זיין אָנקומען קיין תל־אביב. דאָס איז געווען גלייך נאָך דער אַנט־שטייאונג פון אונדזער מדינה, אין יאָר 1948. זיין זון איז אַהער געקומען עט־לעכע חדשים פאַר אים און האָט זיך אויך באַטייליקט אַלס זעלנער אין דעם באַפרייאונגס־קריג פון ישראל.

במשך פון אַ תקופה פון צען־עלף יאָר צייט זיינען מיר געשטאַנען אין אַ גאָר נאָענטן פערזענלעכן קאָנטאַקט. מיר האָבן געוואוינט גאָר נאָענט איינער פון צווייטן און ער פלעגט צו מיר גאָר אָפט זיך אַריינכאַפן, כדי „הערן בייעס“ און זיך אַראָפּריידן פון האַרצן אין געוויסע ענינים. דאָס לעצטע יאָר איז ער געווען קראַנק און פיזיש צעבראָכן, אָבער זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער זיך באַמיט פאַרזעצן אַן איבעררייס אפילו שוין ליגנדיק אין „תל השומר“ שפּיטאָל.

סוף חודש יולי, 1959, אַ טאָג פאַר מיין אַרויספאָר אַלס דעלעגאַט צו דער קאָנפערענץ פון „יידישן וועלט־קאָנגרעס“ אין שטאָקהאָלם, זיינען מיר געזעסן אַ גרופּע פון שרייבער און זשורנאַליסטן און צווישן זיי אויך שלמה בערלינסקי אין קאַפע־הויז „פּאַסאַזש“ און דער אַלענבי גאַס אין תל־אביב. בערלינסקי, וועלכער איז דאָ נישט לאַנג אַרויס פון שפיטאָל, וואו ער האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע, איז גראַד געווען גוט געשטימט און האָט זיך אַקטיוו באַ־טייליקט אין דער אַלגעמיינער דיסקוסיע און פון צייט צו צייט האָט זיך אויך באַוויזן אַ לייכטער שמייכל אויף זיינע ליפּן. ס'איז מיר דאַן גאַרנישט איינגעפאַלן אפילו אַז איך זע אים דאָס לעצטע מאָל. קומענדיק צוריק אַהיים פון איראָפּע אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ער שוין מער נישט געווען צווישן די לעבעדיקע.

איך דערמאָן זיך איצט אַן אָוונט, עטלעכע וואָכן פאַר זיין טויט זיינען מיר צוזאַמען געפאָרן אַהיים שפּעט ביינאַכט מיטן אויטאָבוס. עס איז געווען אַ קורצע צייט נאָכן טויט פון שרייבער יעקב פיכמאַן ז"ל. בערלינסקי האָט זיך געקלאָגט: „דאָרט אין פוילן, אַז אַ שרייבער איז געשטאָרבן איז געווען אַן אַלגעמיינער טרויער אין שטאָט און טויזנטער מענטשן פלעגן קומען אָפּגעבן דעם נפטר דעם לעצטן כבוד. דאָ אין ישראל איז עס אינגאַנצן אַנדערש. אָט איז געווען דאָ אַזאַ גרויסער שרייבער ווי יעקב פיכמאַן און אַז ער איז אַוועק אין זיין אייביקער רו האָבן בלויז עטלעכע צענדליק מענטשן אים געקומען באַגלייטן און אַלעס אַרום האָט אפילו דעם טויט זיינעם נישט געפילט“ — האָט בערלינסקי געזאָגט מיט אַ טרויער אין זיינע אויגן. כ'האָב געזען, אַז די דאָזיקע באַציאונג צו אַ פעדער־מענטש טוט אים שטאַרק ווי. כ'האָב זיינע ווערטער אויסגעהערט געדולדיק

*) שעף־רעדאַקטאָר פון „הבוקר“, תל־אביב

ביז'ן סוף און שוויגנדיקערהייט זיי באַשטעטיקט, כאָטש כ'האָב פאַרשטייט זיך געהאַט וועגן דעם וואָס צו באַמערקן אויך פון מיין זייט.

* * *

דער שרייבער שלמה בערלינסקי ע"ה איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט קיעלץ אין פוילן, אָבער דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט ער אַדורכגעמאַכט אין די גרויסע שטעט, לאָדזש און וואַרשע. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן און פאַר־עפנטלעכן זיינע דערציילונגען זייענדיק נאָך גאָר יונג. במשך פון די מלחמה יאָרן איז ער געווען אַ פליט אין סאָוועט־רוסלאַנד, און גלייך נאָכ'ן קריג איז ער צוריקגעקומען קיין פוילן, זייענדיק צווישן די ערשטע רעפּאַטריאַנטן. דריי יאָר צייט האָט ער זיך געוואַלגערט אין די פליטים־לאַגערן אין דייטשלאַנד און פון דאָרט איז ער געקומען קיין ישראל.

זיין ערשטן בוך האָט בערלינסקי פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1930, זייענדיק דאַן אַלט איבער דרייסיק. דאָס איז געווען אַ בוך אונטערן נאָמען „דרויסן". שפּעטער זיינען געקומען אַ רייע אַנדערע ביכער. די לעצטע צוויי ביכער זיינע זענען געווען: דער ראָמאַן „ירושה", וואָס איז דערשינען אין בוענאָס איירעס, און די „בילדער און דערציילונגען", וואָס זיינען דערשינען אין בוך־פאָרם אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט, אין י. ל. פרץ פאַרלאַג, אין תל־אביב. דאָ אין תל־אביב זיינען אויך דערשינען אין פאַרלאַג „עם עובד" צוויי פון זיינע ביכער אין דער העברעאישער איבערזעצונג. די נעמען זייערע זענען: „בשחר חיים" און „ירח אדום". זיינע סקיצן פון ישראלדיקן לעבן זיינען אַדורכגעדרונגען מיט אַ טיפער ליבע צום לאַנד און צו אַלעס וואָס ווערט אין איר געטאָן און געשאַפן.

בערלינסקי איז געווען, אָן קיין שום ספק, פון די בעסטע יידישע פּראָזע־שרייבער אין לעצטן דור, מיט אַ דורכדרינגלעך אויג און פיינעם סטיל, און זיין הויפּט כוח איז געווען אין דער קורצער נאָוועלע. אייניקע יידישע קריטיקער האָבן אים לעצטנס באַצייכנט אַלס „דער יידישער טשעכאָוו."

ער איז געקומען צו דער ליטעראַטור פון דער טיפער אָרימקייט און אין אונדזער אָנדענק וועט ער אויף שטענדיק פאַרבלייבן אַלס באַשיידענער מענטש, וועלכער האָט שטענדיק געקעמפט פאַר זיין טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ.

**אויפמערקזאַם!** באַנייט אייער אַבאָנימענט אויפן זשורנאַל „חשבון". וואַרט ניט מ'זאָל אייך דערמאָנען עטלעכע מאָל. ס'איז אייער חוב אויפצוהאַלטן אַ שריפט אויף יידיש, וואָס דערשיינט אין דער גרויסער יידישער לאָס אַנגעלעס.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט שוין ברוקקע געשניטן דעם דערבײַאיקן וואַלד, פאַר וועלכן ער האָט שטענדיק מורא געהאַט. געהיט זיך פאַר יעדן קוסט, פאַר איטלעכן בוים. אפילו דער געפלאַטער פון די פייגל האָט אים אויך געשראָקן.

ווען ער האָט דערגרייכט דעם דאָרף, איז ער כמעט אָן אָטעם אַרײַנגעלאָפן אינם ערשטן הויף. אַ מיטליעריקע גויע האָט דאָרט געהאַלטן אין אָנגיסן פוילע פאַר די חזרים אין דער שמאָלער, הילצערנער קאָרעטע. ער האָט אָנגעהויבן רעדן אויף גיך:

— באַלעבאָסטע, דער טאַטע איז קראַנק. ביי אונדז איז נישטאָ וואָס צו עסן. אָט רחמנות און קויפט אָפּ די קוטשמע . . .

צוערשט האָט זי אים געוואָלט אַרויסטרייבן. ווען זי האָט אָבער דערזען די רויע געקרײַזלטע קוטשמע, וואָס האָט פון ווייטן אויסגעזען ווי אַן אָפּיצערסקע, אָט זי גענומען דעם בגד אין די הענט, מיט די פינגער געגלעט די גרייפּלעך, טאַפּט דעם אונטערשלאַק; אַפּנים געוואָלט זען צי דאָרט איז פאַראַן גענוג אָטע, און צום סוף אָנגעמאָסטן די קוטשמע אויף זיך אַליין:

— וויפיל ווילסטו ?

— ברויט מיט אַ ביסל בולבעס . . .

זי האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געגעבן אויפן יינגל, באַמערקט זיין דאַר אויסגע־ייכט פנימל, דעם הונגער אין די שוואַרצע, גרויסע אויגן און אין איר האָט זיך רוועקט דער מוטער־געפיל. זי איז אַוועק אין כאַטע און האָט אַרויסגעבראַכט לאָז מילך מיט אַ שטיקל ברויט. אין זיין זאַק האָט זי אַרײַנגעשאָטן אַ קאָשיק יטאָפּל, אויך אַ לעבל ברויט אַרײַנגעלייגט אַהין און געזאָגט:

— עס אָפּ, ווערסטו כוח האָבן צו טראָגן. זאָלסט זיך אָבער היטן, אַז אויפן זאָלן דיך די פּאָליאַקן ניט כאַפּן. זיי וועלן דאָס צונעמען און דיר נאָך חעכן די ביינער.

פון פרייד און דאַנקבאַרקייט האָבן זיך אין ברוקקעס אויגן געשטעלט טרערן. האָבן זיך געקייקלט איבער זיינע אָפּגעצערטע באַקן. דאָך האָט זיך ברוקקע ילט, געוואָלט וואָס גיכער דערגרייכן די היים. די משא האָט אָבער געדריקט אים, האָט ער זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ער געשפּאַנט.

ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין פון וואַלד, איז זיין בליק געפאַלן אַ מעטאַלענער זאַך, וואָס איז געלעגן אין מיטן וועג. האָט ער גיך אַראָפּ־ארפן דעם זאַק פון די ביינערדיקע פּלייצקעס, צוגעלאָפן צו דעם אָנגעוואוב־ם אָרט, איינגעבויגן זיך, אויפגעהויבן נאָך כמעט אַ נייע פּאָדקאָווע און די ניט געקאָנט אָפּרייסן פון איר שיינקייט.

האָט ער זי אָפּגעשטויבט, מיטן אַרבל פון דער „וואַטאָווקע" אָפּגעווישט, די פּאָדקאָווע האָט זיך צעבליאַסקעט. אירע דריי פּלאַטשיקע, געזונטע ציינער יוסטנע געזעסן אין דעם בלאַנקן, אויסגעבויגענעם שטאָל. זיבן פון אירע עד זיינען געווען פּוסטע, פאַרשוואַרצטע און אויסגעזען ווי זיבן קליינינקע טערלעך. אין דעם אַכטן לעכל האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אַן עלנט טשוועקל אַ ברייטן פיר־קאַנטיקן קעפּל פון אויבן און מיט אַ קרום פאַרדרייט פיסל אונטן.

פון דעם געפינס האָט ברוכקע אָנגעקוואָלן. ער האָט געוואוסט: „אַ פאָדקאָווע איז מזלדיק" און אין דער מלחמה איז אַ שטיקל אייזן, איבערהויפּט נאָך אַ פאָדקאָווע, מיט גאָלד צוגלייך! און דאָס ייִנגל האָט אָנגעהויבן פאַנטאַזירן וויפיל געלט ער וועט קריגן פאַר איר. נאָר אָט האָבן זיך אַהער דערטראָגן אָפּהילכן פון פערדישע קאָפּיטעס, האָט ברוכקע קיין שהיות ניט געמאַכט, אַריין טיפער אין וואַלד און באַהאַלטן זיך הינטער אַ געדיכטן קוסט.

אומגעפּער אין אַ שעה אַרום איז ברוכקע אַ פאַרמאַטערטער און צעשראָקענער אַריינגעפאַלן צו זיך אין שטיבל. ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט אַרויסגענומען דאָס לעבל ברויט פון זעקל און עס אָפּגעגעבן דער מאַמען, אַרויסגעצויגן די פאָדקאָווע פון בוזים און געוויזן כאַצקלען:

— טאַטע, זע וואָס כ'האָב געפונען! איך וועל דאָס פאַרקויפן דעם שמיד, אָדער אַוועקטראָגן אין דאָרף, וועט מען מיר געבן דערפאַר אַוודאי צוויי לעבלעך ברויט מיט אַ גאַנצן זאַק בולבעס!

דער טאַטע זייַנער, וואָס פלעגט אָפּט גיין אין מאַרק און אַזוי אַרום כמעט געקאָנט אַלע היגע פערדלעך, האָט גענומען די פאָדקאָווע אין די הענט און ניט געקאָנט טרעפן וועמען אַזאַ גרויסע פאָדקאָווע קאָן געהערן. וואָרים די עטלעכע פערדלעך וואָס זיינען נאָך אין שטעטל פאַרבליבן, זיינען געווען קליינע, דאַרע, מיט אַרויסגעשטאַרצטע קלובעס. זייערע ריפּן האָבן זיך אַרויסגעזען פון אונטער די אָפּגעבליאַקעוועטע פעלן ווי הילצערנע רייפן פון פעסער, און פיס האָבן זיי געהאַט דינע מיט קליינע קאָפּיטעס סיידן, סיידן דאָס איז אַ מיליטערישע!

ער האָט זיך ווייט ניט אָפּגענאַרט, ווייל ווי נאָר ער האָט די פאָדקאָווע איבערגעדרייט אויף דער לינקער זייט, איז זיין בליק געפאַלן אויף צוויי בוכשטאַבן „א־פ", וואָס האָט מסתמא געמיינט „אַרמיאַ פאָלסקאַ." הענט און פיס האָבן אים אָנגעהויבן צו ציטערן:

— גזלן איינער! וואָס האָסטו געבראַכט? די פאָדקאָווע איז דאָך פון דער פוילישער אַרמיי!! אַז זיי וועלן דאָס חלילה געפינען, וועט מען דאָך אונדז אַלעמען דערשיסן! . . .

באַשע־לאה האָט בלויז אויפגעכאַפּט דאָס לעצטע וואָרט „דערשיסן" און איז געל געוואָרן ווי וואַקס. זי האָט פאַרבראָכן מיט די הענט און אָנגעהויבן וויינען:

— וויי איז מיר! אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן!

פאַרנאַכט האָט זי אָפּגעקאָכט אַ טעפּל קאַרטאָפל. ווען זי האָט זיי אַריינגעשאָטן אין אַ טיפן טעלער, האָבן זיי געפּלאַצט און זיך צעפאַלן אויף מעל. תחילת האָבן די קאַרטאָפליעס אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ געדיכטע, בלויע פאַרע, וואָס האָט זיך געשפּאַרט צום נידעריקן סופיט. ביסלעכווייז איז די פאַרע געוואָרן דינער, דורכזעעוודיקער. אָבער פונם וואָרט „דערשיסן" האָט געהויערט אַזאַ שוידער צווישן די ווענט, אַז קיינער האָט ניט געהאַט קיין האַרץ אַוועקזעצן זיך עסן.

כאַצקל איז געלעגן אין בעט. זיין שפּיציקע נאָז האָט אויסגעזען ווי אַ מלמדישער טייטל. די אַפּלען פון די אויגן האָבן זיך ניט באַוועגט. די לאַנגע באָרד איז ווי קירצער געוואָרן. אין דער אָוונטדיקער טונקלקייט האָט זיין פּנים אָנגענומען די פאָרעם פון אַ פויגל — דין, שאַרף און שפּיציק. בלויז דאָס שוואַרצ־

האַריקע אינדזועלע איבערן נידעריקן שטערן, וואָס איז ווי ספּעציעל אויסגעבויט געוועזן אַז דער „של־ראש“ זאָל דאָרטן קאָנען זיצן רואיק, האָט צו וויסן געגעבן אַז דער פּנים אין אַ מענטשלעכער, אַ יידישער.

אין זיין צעטראָגענער פאַנטאַזיע זיינען בילדער אַנגעלאָפן — איינס שוואַר־צער פון אַנדערן. אָט זיינען די „האַלערטשיקעס“ ביי אים אין שטיבל; אויך דער קאָמענדאַנט איז דאָ; ער רוּקערט אַ לאַנגן פּאַפּיראָס, קייקלט אַרויף זיינע לאַנגע וואָנצעס און שמייכלט מיט אַ סאַדיסטישן שמייכעלע: „וואו איז דאָס פערד פון דער פּאַדקאָוויע! און וואו האָסטו אַהינגעטאָן דעם סאָלדאַט פון פערד? געהרגעט, האָ? דו פּאַרך איינער!“...

איבער כאַצקלס רוקן איז דורכגעלאָפן אַ קאַלטער ציטער. ער האָט אַ שאַר געגעבן מיטן האַנט איבער דער קאָלדרע:

— באַשע לאה, וואָס טוט מען איצט? געדאַרפט אפשר די פּאַדקאָווע אַוועק־וואַרפן אין דעם ליידיקן ברונעם אויפן מאַרק. איך מיין אַז דאָרטן וועט דאָס קיינער ניט זוכן. וואָס זאָגסטו?

באַשע לאה איז געזעסן אַן אַנגעברוגזטע, אַ שוויגעוודיקע און זיך אפילו ניט אומגעקוקט אין זיין זייט. כאַצקל האָט אומגעדולדיק געוואַרט ביז שפּעט ביינאַכט, וווען זי און ברוכקע זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן. ער האָט פּאַמעלעך אָנ־געטאָן די כאַדאָקעס אויף די פיס, די וואַטאָווקע אויף די פּלייצעס, פאַררוקט די פּאַדקאָווע אין גאַרטל און איז שטעלערהייט אַרויס אין דרויסן.

אין אַ ווילע אַרום האָט זיך אויפן מאַרק דערהערט אַ קלאַפּ פון מעטאַל, וואָס האָט אָפּגעקלונגען ביים קאָלבאַסניק אין שטוב, קעגנאיבער דעם ליידיקן ברונעם. אַז דער גוי האָט דערהערט דעם קלאַפּ, איז ער אַ ביינעריקער צוגעלאָפן צום צעעפנטן פענצטער. ער האָט דערזען אַ יידישע פּלייצע, וואָס דערווייטערט זיך, און איז העגדום־פּענדום אַרויס פון שטוב און אַוועקגעלאָפן צום קאָמענדאַנט.

* * *

צומאָרגנס, ערב ראש־השנה אינדערפרי, איז שוין דאָס גאַנצע שטעטל געווען אויף די פיס. זעלנער האָבן אַרויסגעשלעפּט יידן מיט ווייבער און קינדער פון די בעטן און מיט קלעפּ געטריבן זיי אין מאַרק. אפילו דעם אַלטן רב, רב דודלען האָט מען געבראַכט צו שלעפּן און אַוועקגעשטעלט לעבן כאַצקל דעם קירזשנער, וואָס האָט זיך געטרייסלט ווי אַ בלאַט אין ווינט.

אונטערן פרימאָרגנדיקן הימל איז אויפגעגאַנגען אַ געוויין. אָבער די שורה סאָלדאַטן, וואָס זיינען געשטאַנען מיט אַנגעלאָדענע ביקסן אַנטקעגן דער עדה יידן, האָט די גרויליקע סצענע ווינציק וואָס געאַרט. אַדרבא, אַז מען האָט זיך צוגעקוקט, האָט מען געקענט זען, ווי זיי קוועלן אַן פון די יידישע צרות. אויף זיין פלינקן פערד איז דערווייל געקומען צורייטן דער קאָמענדאַנט. די סאָלדאַטן האָבן זיך אויסגעצויגן ווי סטרונעס. ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף זיי. ער איז גלייך צוגעריטן צום רב און אים דערלאַנגט אַ זעץ מיט דער נאַגייקע:

— דיינע פאַרשיווע זשידקעס האָבן נעכטן ביינאַכט אַריינגעוואָרפן געווער אין ברונעם! גיב איך דיר צען מינוט צו דערציילן ווער דאָס האָט געטאָן. און אויב ניט — וועל איך אייך אַלעמען דערשיסן ווי די הינט!

אַז די יללה איז נאָך גרעסער געוואָרן, האָט כאַצקל מיט ציטער אין די פינגער אָנגערירט דעם רב'ס אַרבל און מיט געוויין אין קול געזאָגט:

— הייליקער רבי! דאָס האָב איך אַריינגעוואָרפן אַהין די פּאַדקאָווע וואָס מיין יינגל האָט געפונען אויפן וועג, גייענדיק פון דאָרף. איז אפשר זאָל איך אַרויס־טרעטן פון דער ריי און דערציילן דאָס דעם אדון? הלמאי זאָל אַ גאַנץ שטעטל מיט יידן חלילה ליידן צוליב מיר?...

אַ הויכער, אַ הדרת־פּנים'דיקער, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד און דיקע, זילבערנע ברעמען, אָנגעטאָן אין אַ זייער אַלטער אָבער זויבערער קאַפּאָטע, האָט דער רב אַ מילדן קוק געגעבן אויף כאַצקלען און מיט האַרץ אָנגעהויבן רעדן צום קאָמענדאַנט:

— אדוני פּריץ! אויב איר זאָגט, אַז „עמיצער פון אונדז האָט אַריינגע־וואָרפן געווער אין ברונעם" ווייסט איר דאָך מסתמא. די פּוילישע מאַכט וועט דאָך נישט באַשטימען אַבי וועמען פאַר אַ קאָמענדאַנט, סיידן אַזאַ איינעם, וואָס איז אַ וועלמאָזשנער און געלערנטער מענטש... אָבער אײדער איר הייסט אייערע סאָלדאַטן שיסן אויף אונדז, וואָלט איך אייך וועלן בעטן אַ קליינע טובה: איר זאָלט אַזוי גוט זיין און פריער אונטערזוכן דעם ברונעם און דערנאָך אורטיילן ווי אייער גנאָד וועט אייך הייסן.

מעגלעך אַז דעם רב'ס האַלטונג און זיין איידעלער אופן פון רעדן איז דעם קאָמענדאַנט געפעלן געוואָרן. זיין רויטער פּרצוף איז אַביסל בלאַסער און מילדער געוואָרן; פון די אויגן איז ווי אַנטרונען די גרינע רציחה. אַ ווײַלע האָט ער זיך געישוב'ט וואָס צו טאָן; מיט די „איידעלע פינגער" געגלעט זיך די שאַרפע שפּיצן וואָנצעס. ער האָט אַ צי געטאָן די לייצעס און איינגעהאַלטן דאָס פערד, וואָס האָט אונטערגעטאַנצט אונטער אים.

— דאָבזשע, זשיידאָווסקי ראַבין! אָבער קיינער נישט פון אייערע. איר וועט דאָך מיר דעם אמת אַלץ איינס ניט דערציילן.

צום גליק האָט זיך אין מאַרק באַוויזן אַנדרעי דער קוימען־קערער, וואָס האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. דאָס מאָל איז ער אפשר געווען ניכטער, וואָרים גלייך ווי ער האָט באַמערקט די עדה יידן, דערהערט זייער געוויין און דערזען די סאָלדאַטן מיטן קאָמענדאַנט, האָט ער פאַרשטאַנען אַז עפּעס אַן אומגליק וועט דאָ היינט געשען און זיך געוואָלט אָפּטראָגן פון דאַנען. אָבער דער קאָמענ־דאַנטס בליציקע קוקערס האָבן אים דערשנאַפּט:

— העי, דו הינטישער זון, קום אַהער!

צוויי סאָלדאַטן האָבן אים צוגעשטויסן צום קאָמענדאַנט. אַנדרעי האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ.

— הער נאַר, דו אויסוואָרף! — האָט דער קאָמענדאַנט געדראָעט מיט דער נאַגייקע — קריך אַריין אין ברונים און שלעפּ אַרויס דאָס געווער, וואָס די פאַר־פלוכטע זשידקעס האָבן דאָרט באַהאַלטן!

אַנדרעי איז געווען איינער פון יענע טעמפּע רוסן, וואָס האָבן אַלץ געמיינט אַז דאָ, אין ווייס־רוסלאַנד, הערשט נאָך דער צאַר. האָט ער, מעשה סאָלדאַט, צוגעקלאַפּט אַ פוס צו אַ פוס, אויסגעגלייכט זיך, אַרויסגעשטעלט די דאַרע ברוסט, צוגעלייגט די רעכטע האַנט צום שטערן און אַ דערשראָקענער געענטפערט:

— וואַשע וויסאָקאָיע בלאַגאָראָדיע ! דער ברונעם איז דאָך אַ פאַרשאָלטע־נער! ניט־גוטע וואַינען דאָרט! איך האָב מורא אַראָפּגיין אַהין ! . . .

— גיי, זאָג איך דיר! — האָט אים דער קאָמענדאַנט מכבד געווען מיט דער נאַגייקע.

דער קוימען־קערער האָט ניט געהאַט קיין ברירה. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון אַקסל די שוואַרצע שטריק מיטן קליינעם, קיילעכדיקן בעזימל; האָט אַראָפּ־געשליידערט די „באָמבע" און אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן זיך איבערן לאַנגן לייטער, וואָס מען האָט דערווילע געבראַכט פון דעם קאָלבאַסניקס הויף.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און דער קוימען־קערער איז צוריק אַרויסגע־קראָכן פון ברונעם. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַן אייזערנעם רייף פון אַ פאַס און אַ בלעכענעם עמער אָן אַ דעק, אין דער אַנדערער — אַ גע'פּגר'טע קאַץ מיט אַן אָפּגעקראַכענער פעל און בלישטשענדיקע פּאַדקאָווע. ער האָט ווידער אָפּגעגעבן „טשעסט":

— אַ חוץ אָט־די זאַכן און אַביסל שטיינער איז דאָרטן גאָרנישט פאַראַן !

— דו ליגסט ! דו הינטישער זון ! — האָט אים דער קאָמענדאַנט דערלאַנגט אַזאַ זעץ איבער דער פּלייצע, אַז דאָס אָרעם פויערל האָט זיך איינגעבויגן אין דרייען — די פאַרשיווע זשידקעס האָבן דיר שוין אונטערגעקויפט, האַ ? . . .

וואַשע וויסאָקאָיע בראַגאָראָדיע ! — האָט דער קוימען־קערער געיאָמערט מיט ביטערע טרערן און אַלץ ניט צוגענומען די האַנט פון שטערן — איך זאָג דעם אמת ! מער איז דאָרט גאָר נישטאָ !

— העי דו ! — האָט זיך דערקאָמענדאַנט געווענדעט צו איינעם פון זיינע סאָלדאַטן — גיי אַראָפּ אין ברונעם און ברענג אַרויף די אַמוניציע, וואָס די זשידקעס האָבן דאָרט באַהאַלטן !

כדי ניט איינצושמירן זיין דריי־קאַנטיק היטל, האָט דער זעלנער עס אַראָפּ־גענומען פון קאָפּ און, צוזאַמען מיט דער ביקס, איבערגעגעבן אַן אַנדערן. פלינק ווי אַן אַקראָבאַט איז ער אַראָפּ אין ברונעם, באַלד צוריק אַרויף און פאַרהויבנדיק צוויי פינגער צום שלייף פון שטערן, האָט ער ראַפּאָרטירט:

— דערלויבט מיר צו מעלדן, וועלמאָזשני פּאַן קאָמענדאַנט, אַז אַ חוץ אַביסל שטיינער און שמוץ איז אין ברונעם גאָרנישט פאַראַן ! . . .

פון רציחה וואָס דער קאָלבאַסניק האָט אים אָפּגענאַרט, האָט דער קאָמענ־דאַנט ניט געקאָנט איינזיצן אין זאָטל. די בלויע, פעדימדיקע אָדערן אַרום זיין האַלדז זיינען נאָך בלויער און אָנגעצויגענער געוואָרן. זיינע אויגן זיינען פאַר־לאָפן מיט בלוט. די רעכטע האַנט האָט זיך איינגעקרעמפּעוועט אין הענטל פון דער נאַגייקע. אפילו דאָס פערד האָט דערפילט דעם באַלעבאָס' כעס און איז אומרואיק געוואָרן. דער קאָמענדאַנט האָט אַ געשריי געגעבן:

— וואו איז ער דאָס, דער הונט ? !

אין דער רגע האָט ער גאָר פאַרגעסן וועגן די יידן. איצט האָט אים נאָר פאַרדראָסן, הלמאי ער איז אויסגעשטעלט געוואָרן צום נאַר, דערצו נאָך פאַר אַזויפיל גויים, וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן אויפן מאַרק. אָבער דער עיקרשט האָט אים די ביכפה גענומען וואָס זיינע אייגענע סאָלדאַטן האָבן צוגעזען זיין גרויסע באַליידיקונג.

לוי גאָלדבערג

# יונגע דיכטער

אָ, יונגע דיכטער פון די יידישע געזאַנגען!
אייער פאָן פלאַטערט ניט איבער אייערע געצעלטער;
די מאַטע אויג פון אונדזער פאָלק, אויף אייער ליד קוקט קעלטע
ווי אַ שטיף־פאָטער צו זיינע קינדער, אויף זיין ברויט געגאַנגע

זינגט איר — אין פאַרצווייפלונג — פאַר ווינט, און טויבע אויער
און אייער ליד קלאָגט — ווי איר אַליין — אין איר שליחות.
אייך, אור־אייניקלעך פון פייטנים'ס תפילה'דיקער יחוס —
אין דעם גורל אייערן — איז באַשערט אויף אייער ליד צו טרויער

אפילו ווען באַגליקט — דורך ווילן, מוט, און גלויבן —
איר פאַרזיגלט אייער ליד אויף בלאַט צווישן טאַוול;
גייט איר אַרום דערביי, ווי צווישן קברים גייט אַן אָבל,
קיין אָפּקלאַנג אויף צו הערן, ווי אַרום אַ פאָלק אַ טויבן.

דאָך שטראַלט פון אייער האַרץ אַרום די יידישע געזאַנגען;
געזאַנגען פון קנאים, מיט שטאָלצן טראָט פאַר אַ געוויטער;
ווייסנדיק, אַז ניט ביים לעבן קענט איר ווערן די שניטער
פון די — אויף אונדזער ערד — פאַרזייטע לידער־זאַנגען.

---

איז ער מיטן פערד צוגעשפרונגען צום קאַבאַסנקי, וואָס האָט זיך מי
כוחות געלאָזט לויפן, און אים געגעבן אַזאַ כמאַל איבערן קאָפּ, אַז יענער
פאַרבלוטיקטער געבליבן ליגן אויף דער ערד. דער קאָמענדאַנט האָט אַ צ
טער געשריגן:

— מיך! דעם קאָמענדאַנט?! דער פוילישער מאַכט גייסטו אַפּנאַר
פשאַקרעוו!! נעמט אים! גיט אים פינף און צוואַנציק! נייך, ג
אויסוואורף פופציק שמיץ אויפן הוילן הינטן, וועט ער וויסן ווי אָפּצו
דער פוילישער רעגירונג!!

דער גויאישער עולם איז נאָך פאַרבליבן אין מאַרק; געוואָלט אָפּניכ
מען וועט שמייסן דעם קאָלבאַסניק. דער רב מיט די שטעטלדיקע יד
אויסגעמאַטערטע, איבערגעשראָקענע, צעבראָכענע, און דאָך מיט אַזוי
אין דעם „אויבערשטן" אַוועק אין שול דאַווענען און גומל בענטשן,
זיינען ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

י. ראַשעל *)

# טעד גיליען — דער מאָלער פון סאָציאַלע פּראָבלעמען

דער יידיש־אַמעריקאַנער מאָלער, טעד גיליען, איז פאַראינטערעסירט אין סאָציאַלע פּראָבלעמען, דעריבער האָט ער געמאָלן לייוונטן וואָס באַרירן דעם סאַמע עקזיסטענץ פון מענטש אויף דער ערד — מלחמה, מיט נביאישן לאַמענט און קראַפט.

זיינע מלחמה בילדער זיינען באַוואוסט געוואָרן אין פאַרשיידענע קרייזן און דער קינסטלער טעד גיליען איז דערמוטיקט געוואָרן צוצוגרייטן און אָפּצו־דרוקן אַ בוך רעפּראָדוקציעס פון זיינע מלחמה בילדער און צייכענונגען.

אַז מען עפנט זיין בוך „די פּרייז“ אין מאָנאָכראָם, באַפאַלט אַ פּחד פון די גרוילהאַפטע בילדער. יעדעס בילד דעקט אַ פּאַזע פון דער שוידערלעכקייט פון קריג. אָט איז אַ בילד: אַ מאַן און אַ פרוי מיט אַ פּיצל קינד אין אירע אָרעמס, טויט־שרעק אין זייערע אויגן, אַנטלויפנדיק פון צעשאָסענע הייזער איינגעהילט אין פלאַמען, וואָס בושעווען אַרום זיי. זייער הונט וואָיעט אויס דעם צער און עלנט פון מענטש און חיה. אַזוי בילד נאָך בילד, איינס שרעקלעכער פון צווייטן.

ניט אין אַלע בילדער אין בוך „די פּרייז“ איז דער קינסטלער גיליען אַ ירמיה, וואָס יאָמערט איבער בראָך וואָס האָט געטראָפן דער מענטשהייט — מלחמה. ער האָט אויך בילדער אין שייכות מיטן מענטשנס גלויבן אין שלום, אין קאָ־אָפּעראַציע צווישן מענטשן.

ער האָט אויך ניט פאַרזען דעם היסטאָרישן געראַנגל פאַר עקזיסטענץ פון זיין אייגן פאָלק.

אין אַלטערטום האָט דאָס יידישע פאָלק געהאַט אַ צאָל צוזאַמענשטויסן מיט שכנישע פעלקער: אין באַגינען, אין פעריאָד פון צוזאַמענשמעלצונג פון די יידישע שבטים אין אַן איינהייטלעך פאָלק, ווען יידן האָבן נאָך ניט געהאַט פאַרזוכט דעם טעם פון אַן אייגענעם קיניג, איז עס געווען מיט די פלישתים. דאָס זיינען געווען עקאָנאָמישע צוזאַמענשטויסן. שפּעטער, אין די רייפערע יאָרן פון פאָלק, איז עס געדריקט געוואָרן פון די גרויסמאַכטן פון יענער צייט. אַמאָל פון מצרים, אַן אַנדערש מאָל פון אשור. די אַלע צוזאַמענשטויסן און אַליאַנצן האָבן באַצוועקט אַרויסצופרעסן צינזן און אַרויפצווינגען מיליטערישע בונטן אויף קלענערע מלוכות, כדי אַרויפוואַרפן אַ שרעק אויף דער קעגנערישער וועלט־מאַכט.

אַן אויסנאַם איז געווען דער צוזאַמענשטויס מיטן העלעניזם. אין אַנהויב, אונטער אַלעקסאַנדער מוקדן, האָבן גריכישע מאָדעס און אידייען לאַנגזאַם אַריינ־געפלאָסן און זיך איינגעבירגערט אין יידישן לאַנד פונקט ווי אין אַנדערע לענדער וואָס זיינען געקומען אין קאָנטאַקט מיט דער קרעפטיקער, רייכער גריכישער קולטור, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַצאַל באַרימטע דענקער און פילאָזאָפן. זייער פּלאַסטישע קונסט און ליטעראַטור האָט געגרייכט צו אַ הויכער מדרגה, איז געווען נאַטירלעך אַז גריכנלאַנד זאָל באַאיינפלוסן שכנישע לענדער. אָבער ווען

*) י. ראַשעל איז דער מחבר פון אַ בוך: „יידישע קינסטלער“ — עסייען איבער יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן.

ס'איז אַרויף אויפן טראָן אין סיריע אַנטיוכעס עפּיפאַנעס און האָט מיט געוואַלד געצוואונגען דאָס יידישע פאָלק צו פאַרלאָזן זייער מאָנאָטעאיסטישן גלויבן און אויפגעבן זייער גייסטיק און געזעלשאַפטלעכן לעבנס־שטייגער; דאַן איז אַרויס מתתיהו דער חשמונאי מיט זיינע פינף זין, בראש מיט יהודה המכבי, און האָבן אָרגאַניזירט די אויפשטענדלער און, נאָך לאַנג־דויערנדיקע קאַמפן אַרויסגע־טריבן פון לאַנד די אומגעהייער שטאַרקע סיריש־גריכישע אַרמייען.

אָט־דעם יידישן קאַמף, וואָס ווערט אָנגערופן „דער מאַקאַבייער קאַמף“, וואָס איז באַשריבן געוואָרן אין דער יידישער געשיכטע, האָט דער מאָלער טעד גיליען געמאָלן אין אַ סעריע בילדער מיט פּאַרנעם, קראַפט און אין רייצנדיקע פאַרבן.

געשטויסן געוואָרן צו דעם היסטאָרישן קאַמף אין דער יידישער געשיכטע איז ער נאָכדעם ווען ער האָט געלייענט פויכטוואַנגערס טרילאָגיע „יוסיפוס“, און איז באַווירקט געוואָרן פון שרייבערס קינסטלערישן מאָלן יענע העראָאישע עפּאָכע. דער גורל האָט געוואָלט, אַז דער מאָלער זאָל זיך באַגעגענען מיטן שרייבער, ווען פויכטוואַנגערס דראַמע „דער טייוול אין באָסטאָן“ איז אויפגע־פירט געוואָרן אויף דער בינע אין לאָס אַנדזשעלעס און גיליען איז גערופן געוואָרן צו מאָלן די דעקאָראַציעס פאַר דער אויפפירונג.

אין דעם „מאַקאַבייער קאַמף קעגן העלעניזם“ האָט דער קינסטלער אַרויס־געהויבן אָנפירנדיקע פערזענלעכקייטן און אַנטשיידנדיקע מאָמענטן און זיי גע־מאָלן קרעפטיק און קאָלירפול. ער האָט געזוכט צו באַטאָנען די העראָאישע און טראַגישע מאָמענטן און דאָס איז אים געלונגען אין אַ גרויסער מאָס. דער טויט פון יהודה המכבי איז אַ פאַרכאַפּנדיק בילד: אויף אַ גרויסן שטח איז אויס־געמאָלן צוויי זעליאָטן (קנאים) אַוועקטראָגנדיק אין זייערע אָרעמס דעם טויטן קערפּער פון זייער פירער, יהודה המכבי. קראַפטפולע מענער, טרויער אויף זייערע פּנימער, אָבער אַנטשלאָסן אָנצופירן דעם גערעכטן קאַמף. די פאַרבן בלישטשען ווי פּערלמוטער. בלויע טענער דאָמינירן. דאָס בילד „מאַקאַבייער אין אָנגריף“, איז אַ באַגייסטערנדיק בילד. יידישע גיבורים אין געשלאָסענער ריי, אַנטשלאָסן צו געווינען אַ גערעכטן, נאַציאָנאַלן קאַמף. יעדעס פּנים קאָליר־פול און קרעפטיק ווי אויסגעהאַקט פון קאָלירפולן מאַרמאָר.

דער קינסטלער ג י ל י ע ן האָט בולט אַרויסגעבראַכט דעם פיזישן קאַמף פאַר פרייהייט. עס פעלן אָבער בילדער וואָס זאָלן ווייזן דעם אידייען געראַנגל: דער יידישער „מאָנאָטעאיזם“ קעגן דעם גריכישן „פּאָליטעאיזם“, דאָס יידישע שטרעבן צו אַ מאָראַליש לעבן קעגן דעם גריכישן עפּיקורעאישן צוגאַנג צום לעבן. אין דער ספערע פון אידייען האָט דער שעפערישער מענטש, שרייבער אָדער מאָלער, גרויסע מעגלעכקייט פאַר אויסברייטערונג. וואָרים בעת דאָס מאַטעריעלע איז באַגרענעצט האָט דאָס גייסטיקע מעגלעכקייטן פאַר פאַרשיידענע וואַריאַציעס, ניואַנסן און פאַרטיפונג.

יעדער קינסטלער, אויסער דעם וואָס ער פאַרמאָגט דעם נויטיקן וויסן פון זיין פאַך און פאַרלאַנג צו דערגרייכן פּערפעקציע אין יעדן ווערק וואָס ער באַ־שאַפט, פאַרמאָגט ער אויך אַן אינדיווידועלן שטריך, וואָס זעט זיך אָן אין זיינע שאַפונגען. ביי טעד גיליען איז עס קראַפט, סיי אין זיינע מלחמה בילדער, ווען צעשאָסענע הייזער, ווענט און זיילן פאַלן פאַנאַנדער ווי קאַרטן־שטיבלעך, זיינען

יצחק ניומאַן

# דער ספר איוב

## א. דער אַריינפיר צום ספר איוב

דער מחבר פון ספר איוב קומט ענטפערן אויף אַ וועלט־פּראָבלעם וואָס האָט געמאַטערט מענטשלעכע מוחות אין אַלע צייטן, דהיינו — די פראַגע פוןביידע אַספּעקטן: פאַרוואָס דער צדיק ליידט יסורים און דעם רשע באַגליקט? דער דאָזיקער פּאַראַדאָקס שנירלט זיך אַדורך דעם גאַנצן ספר אין דער פאָרם פון אַ ציקל וויכוחים צווישן דער געשטאַלט איוב, דעם צדיק, מיט זיינע חברים.

אויף איוב׳ס ביטערע טענות קעגן דער געטלעכער השגחה, זיינען געקומען די פריינט זיינע מיט אַזעלכע ענטפערס, אַ שטייגער ווי די אַלט־באַקאַנטע ענטפערס פון ספר תהלים: אַז דער גליק פון רשע איז בלויז פאַר אַ קורצער ווײלע, וואָס איז ווי פלעווע קעגן ווינט, און קיין צדיק ווערט ניט פאַרלאָזן: „נער הייתי גם זקנתי ולא ראיתי צדיק נעזב" (תהלים ל״ז). אָדער ווי דער בן־סירא זאָגט, אַז גאָטס מעשים זיינע אַלע גוט: „מעשי אל כולם טובים" (בן־סירא ל״ט), און עס איז בכלל גאָר ניטאָ קיין שלעכטס. אויב אַ צדיק ווערט געשטראָפט, איז מסתמא האָט ער געזינדיקט...

אַזעלכע פּרימיטיווע ענטפערס האָבן איובן ניט צופרידנגעשטעלט. אויך דער ענטפער, אַז גאָט וועט שטראָפן דעם רשע נאָכ׳ן טויט און פאַר צדיקים זיינען אָנגעגרייט אַלדאָס גוטס אויף יענער וועלט — פון דעם האָבן יענע דורות נאָך ניט געהאַט קיין השגה... אָבער דער מחבר ברענגט אַרויס צוויי אַנדערע קאַרדינאַלע ענטפערס:

א) אַלע הויפּט צרות פון צדיק זיינען נסיונות אַזעלכע וואָס גאָט פּרובירט אויס אויף זיינע בעסטע נאָכפאָלגער, צו זען אויב זיי קאָנעןביישטיין אַ נסיון, ווי עס ווערט אַזוי קלאָר אַרויסגעבראַכט אין דער לעגענדאַרישער דערציילונג: אַז גאָט האָט געשלאָגן איובן, ווייל דער שטן האָט געצווייפלט אין איוב׳ס פרומ־קייט. שפּעטער, ווען גאָט זעט, אַז איוב האַלט זיך פעסט אין זיין גלויבן, ווערט אים קאָמפּענסירט מיט טאָפּלטן גליק...

---

דאָס ניט האָלץ און סטאָקאָ ברוכוואַרג, נאָר מויערן וואָס זיינען געבויט געוואָרן פון גראַניט און שטאָל פאַר דורות. אין זיינע „מאַקאַבייער" לייוונטן איז יעדער פערזאָן אָנגעגאָסן מיט קראַפט ווי אַ שמשון. אַמבולטסטן זעט זיך אָן דעם קינסט־לערס אינדיווידועלער שטריך „קראַפט". אין זיין פיך־פּאָרטראַכטער לייוונט „אַסקאַראַמע", אויפן בילד געפינען זיך אַ צאָל פּנימער אין פאַרשיידענע פּאָזעס און געמיט צושטאַנדן. דאָס געמיינשאַפטלעכע צווישן זיי איז וואָס יעדעס פּנים דריקט אויס קאָנצענטרירטע קראַפט.

טעד גיליען האָט געהאַט סאָלאָ אויסשטעלונגען אין פאַרשיידענע גאַלעריעס, צווישן זיי אין דער באַוואוסטער „אַסאָשיאייטעד אַרטיסטס גאַלעריעס" אין ניו־יאָרק. ער האָט בילדער אין אַ צאָל מוזעאומס, צווישן זיי אין לאָס אַנדזשעלעס, סאַן דיעגאָ און באַלטימאָר. ער איז נאָך גאַנץ ווייט פון אונטערציען אַ סך־הכל פון זיין קינסטלערישן שאַפן.

ב) גאָט ענטפערט איובן פון שטורם. (דער פאַקט אַליין וואָס גאָט האָט זיך צוגעהערט און אים געענטפערט, האָט שוין געהאַט אַ באַרואיקטן איינדרוק אויף איוב׳ס געמיט צושטאַנד). און גאָט זאָגט: ווייסט דער מענטש די וואונדער און סודות פון דער וועלט? ווי וואגט דאָס אַ מענטש צו שטעלן פראַגן און וועלן וויסן זאַכן וואָס דער מענטשלעכער שכל קען ניט באַגרייפן, אַז די געטלעכע מעשים און הנהגה פון דער וועלט איז פאַרהוילן פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד. . .

אָבער דאָס פּראָבלעם ווערט בלויז דיקוטירט און ניט געלייזט. . . איוב׳ס אָפּפרעגן גאָטס השגחה, אַז גאָט פירט ניט די וועלט מיט צדק און יושר, האָט געשטעלט אין געפאַר די גאַנצע עטישע יסודות וואָס איז געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון באַלוינונג פאַר טאָן גוטס און שטראָף פאַר טאָן שלעכטס.

## ב. די דראַמאַטישע פּאָעמע איוב

דער ספר איוב באַשטייט פון 52 קאַפּיטלעך און איז אָנגעלאָדן מיט דיכ־טערישע דראַמאַטישע דיאַלאָגן. דער תוך פון די חקירות איז פול מיט עטישע און פּסיכאָלאָגישע טענות פון איובן וועגן דער געטלעכער השגחה פון זין און תכלית פון מענטשלעכע יסורים אין שייכות צו די באַציאונגען צווישן מענטש און גאָט . . .

אין די ערשטע צוויי קאַפּיטלעך, וואָס איז דער פּראָלאָג פון דער דראַמע איוב, באַשרייבט זיך די סצענע אין הימל, ווי אַזוי גאָט באַרימט זיך פאַר די מלאכים מיט דעם ערלעכן פרומען צדיק איוב, וועלכער לעבט אין נחת און גליק צוזאַמען מיט זיין ווייב, זיבן זין און דריי טעכטער, אין גרויס עשירות און כבוד. אָבער דער שטן מישט זיך אַריין מיט די רייד צו גאָט: „ניט אומזיסט איז איוב גוט און פרום — ער האָט כל טוב! פּרוביר, אַדרבא, נעם עפּעס אַוועק פון אים וועסטו זען ווי ער וועט ווידערשפּעניקן.״ און גאָט גיט דעם שטן די דערלויבעניש צו מאַכן אַן עקספּערימענט — און עס וועבט זיך בליץ־שנעל די גרויסע קאַטאַס־טראָפע — אַלעס גייט מיט איובן באַרג אַראָפּ: זיין פאַרמעגן ווערט רואינירט, ער פאַרלירט די קינדער, און ער אַליין ווערט געשלאָגן מיט אַ שחין און צרעת אויפן לייב וואָס פאַרשאַפט אים שרעקלעכע יסורים. אָבער איוב בלייבט פעסט ביי זיין גלויבן. ער זאָגט: „נאַקעט בין איך אַרויס פון מיין מוטערס לייב, נאַקעט וועל איך זיך אומקערן אַהין; גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען״. . .

דער מחבר וויל דאָ באַווייזן דעם שטאַרקן כאַראַקטער פון געשטאַלט איוב, וואָס איז זיכער אַ וואָרהאַפטע פאַסירונג און ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשה. הגם עס זיינען געווען חלוקי דעות צווישן די חכמים, ווי די גמרא אין סוטה זאָגט: „איוב לא היה ולא נברא, אלא משל היה.״ אויך האָט מען צוגעשריבן דעם ספר איוב צו משה רבנו — האַלטן אָבער פיל תנ״ך קריטיקער, אַז מעגלעך דער פּראָלאָג, די סצענע אין הימל, אויך דער עפּילאָג, גאָטס ענטפער פון שטורעם און אפילו דער באַזוך פון איוב׳ס חברים, וועלכע זיינען געקומען אים מבקר חולה זיין, איז מעגלעך צוגעטראַכט לעגענדאַריש פון מחבר, און איז ענלעך צו פּראָ־מעטעאוס׳ לעגענדע פון אַסקעלוס; אָדער די בבלישע מעשה מיט דעם קראַנקן קעניג. אַזעלכע פאָלקסטימלעכע מעשיות זיינען אַרומגעגאַנגען אין די מזרח־לענדער אין דער צייט פון די ערשטע גריכישע דענקער, אַרום 500 יאָר פאַר דער נייער צייט־רעכענונג . . .

אָבער דער עיקר געדאַנק פון ספר איוב, די וויכוחים און טענות פון ליידנדן איוב זיינען זיכער אמתע . . .

עס ווערן קלאָר דאָ צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז גאָט אַליין איז געווען אַ שותף פון אַריינפירן דעם צדיק איוב אין אַ פּאַסטקע; צווייטנס — גאָט פּרובירט אויס דעם צדיק, ווייל ער איז זיכער מיט אים; ווען מען דען וועט ער אויספּרובירן, דעם רשע? ער וועט גלייך ניט אויסהאַלטן און רעוואָלטירן מיט לעסטערונג...

## ג. די וויכוחים צווישן איובן און זיינע פריינט

ווען איוב'ס פריינט זיינען געקומען אים מבקר חולה זיין, זיינען זיי שאָקירט און דערשיטערט געוואָרן צו טרעפן איובן פאַרביטערט פון יסורים און ווייטאג. זיי האָבן געוויינט אויפן קול, האָבן צעריסן זייערע קליידער און געוואָרפן אַש אויף זייערע קעפּ, און זיינען געזעסן טעג און נעכט און ניט גערעדט צו אים קיין וואָרט, ווייל דער ווייטאג איז געווען גרויס. און איוב הויבט אָן שעלטן דעם טאָג וואָס ער איז געבוירן געוואָרן:

יענער טאָג זאָל זיין חושך, ניט שיינען זאָל אויף אים אַ ליכטיקייט.
יענע נאַכט זאָל זיין וויסט, ניט קומען זאָל אין איר קיין געזאַנג.
פאַרוואָס בין איך ניט פון טראַכט געשטאָרבן?
פאַרוואָס גיט גאָט ליכט צו די וואָס מאַטערן זיך;
די וואָלטן זיך פרייען צו געפינען דעם קבר.

די פריינט האַלטן זיך ביי דער הנחה, אַז גאָט שטראָפט ניט אומזיסט. מסתמא האָט איוב ווען עס איז געזינדיקט, און איוב קאָן נאָך וואַרטן אויף גוטע צייטן. אָבער איוב ווערט ניט געטרייסט פון אַזעלכע רייד, און ער ענטפערט:

דער מענטש האָט קורצע טעג און איז זאַט מיט פאַרדרוס,
ווי אַ בלום וואַקסט ער אַרויס און ווערט פאַרשניטן.
וואָס איז מיין כוח, אַז איך זאָל האָפן?
איז דער כוח פון שטיינער מיין כוח?
איז מיין לייב פון קופּער?

און איוב ווענדעט זיך צו גאָט, ער זאָל אים טויטן:

פאַרוואָס האָסטו געמאַכט מיך פאַר דיין צילברעט?

אויף די טענות פון די פריינט, אַז פאַר אַ צדיק איז אַנגעגרייט שפּעטער דער שכר, און וואויל איז דעם מענטשן וועמען גאָט שטראָפט:

גאָט מאַכט ווי און ער היילט.
דו וועסט נאָך קומען אין אַ פולער עלטער צו דיין קבר,
ווי אַ סטויג גומט אַריין אין צייט . . .

ענטפערט איוב צוריק:

אַז אַ מענטש שטאַרבט, ווערט ער צוריק לעבעדיק?
פאַר אַ בוים איז דאָ האָפענונג, אַז ווען ער ווערט פאַרשניטן,
באַנייט ער זיך ווידער; אָבער אַז אַ מאַן שטאַרבט
און פאַלט אַוועק, וואו איז ער?
איך וועל גיין אַהין פון וואַנען איך וועל זיך ניט אומקערן. . .

און איוב לייגט אַרויס זיין גאַנצע לאַמענטאַציע, שאַרף און ביטער, מיט זיין טענה צו דער השגחה:

פאַרוואָס איז אָנשטאָט ווייץ געוואַקסן דערנער?
פאַרוואָס ליידט דער צדיק אין זיין גערעכטיקייט און דעם רשע באַגליקט?
וואָס איז דער תכלית און זין פון לעבן?
וואָס פאַר אַ וועלט־פירונג איז דאָס?
וואו איז דער גאָט פון גערעכטיקייט?
אַז די ערד איז איבערגעגעבן אין די הענט פון די רשעים!!

און איוב קומט צום באַשלוס, אַז דער מענטש איז ניט אין צענטער־באַשאַף פון דער עקזיסטענץ.

און גאָט ענטפערט איובן פון שטורעם:

ווייסטו ווי אַזוי די וועלט איז באַשאַפן?
ווי אַזוי זי ווערט געפירט?
דער גרעניץ פון ים, די צעטיילונג פון טאָג און נאַכט?

און איוב איז מודה, אַז ער איז ניט געווען גערעכט מיט זיינע טענות קעגן גאָט, און ער בעמט אויף זיך גאָטס משפט.

און אַז גאָט האָט געזען אַז איוב האָט אויסגעהאַלטן דעם נסיון, קריגט ער צוריק זיין פאַרמעגן און לעבט נאָך אַ לאַנג לעבן, זאַט מיט יאָרן.

**הינדע זאַרעצקי**

# קינדער־יאָרן *)

פרץ הירשביינען — לזכרון

אויף יענער זייט הימל, אויף יענער זייט ראַנד,
אַ שטוב איז געשטאַנען אין אַ ווייט, ווייטן לאַנד;
האָט אַ מילנער געלעבט דאָרט מיט זיין ליבער משפחה,
אויף זיין אַרבעט און מי גערוט האָט גאָטס ברכה.
האָבן ווינטן געטריבן די פליגל פון מיל —
זיך געשפיגלט מיט הימל אין וואַסערן קיל.
אין לייוונטן העמדל ט'זיך געשפילט אַ יינגל אַ קליינס,
זיין שוועסטערל „בעבל" איז געווען אַ פוקע אַ שיינס.
די „קוואַקע" מיט הינדלעך און דער בייזער האָן,
האָט געשליידערט זיין קאָם ווי אַ צעפלאַטערטע פאָן;
דער זיידע ט'געכישופט מיט זיין „ראַבן" ניגון,
דער הויף און דער סטאַוו האָבן זיך געטאָן וויגן.
די קינדער האָבן זיך געשפילט אַ קינדעריש שפיל,
ביז די זון אין פאַרגאַנגען ביזן פלאַטער פון גריל.
אויף יענער זייט הימל, אויף יענער זייט ראַנד,
אַ שטוב איז געשטאַנען אין אַ ווייט, ווייטן לאַנד;
האָט אַ מילנער געלעבט דאָרט מיט זיין ליבער משפחה,
אויף זיין אַרבעט און מי גערוט האָט גאָטס ברכה.

*) צו דער דערשיינונג פון דער דיכטערינס בוך לידער: „דער פערטער ניגון".

ש. א. הלוי (תל־אביב)

# פינף יאָר „היימיש"

אויב מיר ווילן אַ ראיה, אַז יידיש לעבט אין ישראל — האָבן מיר עס אין זשורנאַל „היימיש", וואָס כשמו כן הוא — אַ היימישער זשורנאַל, וואָס רעאַגירט אויף אַלץ וואָס געשעט אין אונדזער וועלטל.

דער חותם פון „היימיש" איז באַרעדעוודיקייט, וואָס איז די מעלה פונם רעדאַקטאָר פון „היימיש", וועלכער איז אַ שרייבער מיט אַן אייגענעם סטיל.

משה גראָסמאַן איז אַ כל־בו׳ניק: אַן עסייאיסט, אַ בעלעטריסט, אַ דיכטער און אויך אַ לייכטער פעליעטאָניסט.

סטיל איז פערזענלעכקייט; סטיל איז אויך די קונסט שטענדיק צו געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט און אַלס רעדאַקטאָר— די קונסט צו צוציען שרייבער. סטיל איז מחיים אַנשטאַט טעמפּעראַמענט — פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַנשטאַט ברויזעניש — באַדאַכטקייט.

דער זשורנאַל „היימיש" פאַרמאָגט עס. די פינף יאָר גאַנג פון אָט־דעם זשור־נאַל האָבן אונדז געגעבן צייטיקע פּרוכט און די פאַרשיידענע זשאַנערן.

מיר׳ן אָנכאַפּן איין נומער פונם זשורנאַל. אָט דערעפנט דעם נומער דר. ה. ראָזענבלום, וואָס דערציילט דאָ ווי ער האָט באַגלייט דוד בן־גוריון אין זיין נסיעה קיין אַמעריקע — אַ נסיעה אין גאַלאָפּ איבער לאָנדאָן, באָסטאָן, וואַשינגטאָן, ניו־יאָרק — און אומעטום ווערט ער אויפגענומען מיט כבוד מלכות, וואָס האָט מאַניפעסטירט דעם כבוד פון ישראל.

לעאָ קעניג, דער באַקאַנטער עסייאיסט, האָט דאָ אַן אינטערעסאַנטע אָפּ־האַנדלונג וועגן חבלי יהדות. הייַנט איז שוין מער נישט קיין פראַגע: פאַרוואָס זיינען מיר יידן? מיר זיינען שוין אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך— דערפאַר טאַקע איז מדינת ישראל פאַר יעדן ייד, באשר הוא שם, אַ נישט דערשאַצטער פּאָלי־טישער אוצר. יעדע טענה צו יידן זיך צו אַסימילירן איז שוין איצט אויסגע־שפּילט — און דאָך פאַרצייכנט לעאָ קעניג אַזעלכע פערזאָנען ווי באָריס פּאַסטער־נאַק, בערנאַרד בערנסאָן, דער באַרימטער פאָרשער פון איטאַליענישע רענעסאַנס קונסט און אַנדערע, וואָס פריידיקן אַסימילאַציע, זיי זוכן נאָך אַלץ דעם ייד מיט דער מיסיע, „די תעודה צו זיין אור לגויים."

אין דאָזיקן נומער איז פאַראַן אַ טרעפלעכע אָפּשאַצונג פון דיכטער און צע־שטערער פון ליטעראַרישע געצן, א. קריב, פון מ. אונגערפעלד. דער מחבר באַטאָנט דעם ווערט פון א קריב׳ס שריפטן, וואָס זיינען אויסן אונדז צו ווייזן אַז אייניקע קאַרפּן־קעפּ פון אונדזער ליטעראַטור, ווי מענדעלע, פרישמאַן, ברענער און אַנדערע, האָבן אונדז נישט געוויזן די ליכטיקע זייטן פון יידישן לעבן, נאָר די שאָטן־זייט. דער ליטעראַרישער אמת שטימט נישט מיטןווירקלעכן אמת, טענהט א. קריב און פאָדערט אַ נייע רעוויזיע אונדזער נייער ליטעראַטור.

ברוך קרוא רעדט דאָ אין דאָזיקן נומער אַרום די צוויי שרייבער, אליעזר שטיינמאַן און אברהם שלאָנסקי, צו זייער באַקומען די ביאַליק פּרעמיע אין תל־אביב. דער ערשטער איז אַן ערשט־קלאַסיקער פּראָזאַאיקער און דער צווייטער— אַ דיכטער, און דער צד השווה ביי זיי איז זייער מאַניפעסטירן די נייקייט אין

סטיל אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור. ביידע האָבן אינאיינעם אַרויסגעגעבן אין משך פון פילע יאָרן די וואָכנשריפט „כתובים“, וואו זיי האָבן רעוואָלטירט קעגן „נוסח אדעס“ פון אחד העם, ביאַליק, דרויאַנאָוו און אַנדערע. איצט זייגען זיי שוין ביידע ותיקים און זייער שאַפן איז דער שענסטער אויסדרוק פון פאָלק און לאַנד.

וועגן נשמה, גייסט, גוף, טויט און אומשטערבלעכקייט, רעדט אַרום פּראָפּ. הוגאָ בערגמאַן. ער גיט דאָ אינטערעסאַנטע פּאַראַלעלן צווישן שעלינג, קירקעגוד און הרב קוקס אנשויאונגען. דער פילאָזאָפישער פּאַנטעאיזם טרעפט זיך שטאַרק מיט די מיסטישע רעיונות פון הרב קוק, וואָס זייגען באַזירט אויף חבד״ד׳ער חסידות און עס איז פאַראַן אַ ספּעציעלע גדלות ביי הרב קוק אין זיינע רעיונות וועגן לעבן און טויט.

משה גראָסמאַן, דער רעדאַקטאָר, האָט דאָ עטלעכע מיניאַטור־בילדלעך אונטערן נאָמען: „אַ האַלבע שעה שפּאַציר צו ווייטקייטן.“ א. מ. פוקס שרייבט וועגן ליטעראַריש יידישקייט און ג. סאַפּאָזשניקאָוו — וועגן גלות קאָמפּלעקס פון דער יידישער ליטעראַטור — און דאָס אַלץ שעפּט נאָך אַלץ ניט אויס אָט־דעם רייכן, פילפאַכיקן נומער פון אָט־דעם חנעוודיקן חודש־זשורנאַל „היימיש“, וואָס איז מלא וגדוש מיט עסייען, לידער און פּובליציסטישע אַרטיקלען.

„היימיש“ האָט אויך די מעלה, וואָס ער ברענגט צונויף שרייבער פון פאַרשיידענע ריכטונגען און ער לאָזט קומען צום וואָרט אַיעדערן, וואָס האָט נאָר עפּעס־וואָס צו זאָגן.

אַ שפע מיט ליטעראַטור־כראָניק גיט אויך „היימיש“ אין יעדן נומער מיט אַ שלל פון אינפאָרמאַטיווע ידיעות וועגן אַלץ וואָס קומט פאָר אין גייסטיקן לעבן און אויך רעצענזיעס וועגן נייע ביכער.

## פרידלאַנד פאָנד באַשטימט אַ ליטעראַטור־זשורי

דער עטאַבלירטער „י. פרידלאַנד ליטעראַטור־פאָנד“ האָט שוין באַשטימט אַ ליטעראַטור־זשורי אויף אויסצוטיילן די פּרעמיעס פאַר דער בעסטער דערציילונג און עסיי פון יאָר, וועלכע זיינען געווען אָפּגעדרוקט במשך דעם יאָר 1960 אין די ליטעראַרישע זשורנאַלן, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין אַנדערע לענדער.

דער פאָנד וועט אויסטיילן יעדן יאָר פיר הונדערט דאָלער. $200 פאַר דער בעסטער דערציילונג און $200 פאַר דער בעסטער עסיי.

די זשורי באַשטייט פון די לאָס אַנגעלעסער חשובע שריפטשטעלער: מאַטעס דייטש, יחזקאל בראָנשטיין, און הערי לאַנג.

די אָפּגעדרוקטע דערציילונגען און עסייען פון דעם יאָר מוזן אַריינקומען צום פאָנד ניט שפּעטער פון דעם 15טן דעצעמבער, 1960, אויף דעם אַדרעס:

**י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד**

4375 סאַנסעט דרייוו
לאָס אַנגעלעס 27, קאַליפ.

# מכוח אייגענע און נאָענטע ענינים

## יידישע ליטעראַטור און די ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ פֿון 1960

עס זעט אויס, אַז יידיש לשון, יידישע ליטעראַטור, האָט אַ פּיל בעסערע מערכה ביי דער ניט־יידישער קולטור־וועלט, ווי ביי אונדזערע אחינו בני־ישראל! ביי אַ היפּשער צאָל פֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין יידישן לעבן איז יידיש לשון, אויב שוין ניט אונטערגעגאַנגען, האַלט עס דערביי. און... דעריבער דערלויבט מען זיך צו פֿאַרשעמען יידיש ביי פּילע געלעגנהייטן. ס'איז מער ניט קיין איבער־ראַשונג צו הערן אויף גרויסע יידישע נאַציאָנאַלע אסיפֿות, ריידן ענגליש, אָבער זעלטן וועט איר הערן אַ יידיש וואָרט. אַמאָל „טוט־טאָן" אַ רעדנער אַ וואָרף אַריין אַ יידיש ווערטל, אַ חנדל אַזאַ! אַט אַזוי ווי די גויים, למשל, וועלכע מ'לאַדעט איין זייער אָפֿט צו „באַשיינען" אונדזערע נאַציאָנאַלע יידישע אסיפֿות, באַגריסן אונדז מיט דעם „שאַלאָם", אַזוי טוען עס אויך אונדזערע יידיש־ענגלישע רעדנער. „ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך" — אַז ס'איז אין דער מאָדע, איז עס דאָך ניט שייך ! . . .

אַנטקעגן וואָס איז עס געקומען צו רייד? יאָ, אין דער „ענסייקלאָפּידיאַ בריטאַניקאַ" פֿון יאָר 1960, וואָס איז לעצטנס דערשינען, פֿאַרנעמט יידיש און העברעאיש אַ גאָר בכבודיקן אָרט. גערעכט איז אונדזער באַרימטער דיכטער, יעקב גלאַטשטיין, אין זיין קאָלום „פּראָסט און פּשוט" אין „טאָג־מ.־זש.", וואו ער זאָגט צווישן אַנדערן:

„ווען מ'גיט אַ טראַכט, אַז די יו־ען פֿאַרמאָגט שוין ביי 82 בענקלעך פּאַר באַזונדערע פֿעלקער, קען מען ערשט האָבן אַ באַגריף וויפֿיל ליטעראַטורן דער 1960 ענציקלאָפּעדיע יאָר־בוך פֿאַרצייכנט נ"ט. אָבער אין דער געקליבענער משפּחה פֿון גרויסע ליטעראַטורן קריגן מיר אַ גאַנץ אויספּירלעכן גרוס פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור און גאָר פּיינעם גרוס פֿון דער יידישער ליטעראַטור."

צו דערמאָנען נאָר אַ צאָל פֿון די מחברים און זייערע נייעסטע ווערק וועט אונדז געבן אַ באַגריף פֿון דער גרויסער רשימה פֿון יידישע ביכער, פּראָזע און פּאָעזיע, וואָס זיינען דאָרט פֿאַרצייכנט. צווישן אַנדערע ווערט דערמאָנט: „די גאָלדענע קייט", וואָס דערשיינט אין תל־אביב. לאָמיר דאָ, צו אונדזער פֿרייד, דערמאָנען אונדזערע דריי ל.א. מחברים, וועמענס ווערק זיינען דערשינען לעצטן יאָר, און אויך פֿאַרצייכנט דאָרט:

ש. מילערס צוויי בענד: „חי געלעבט" און „סקעפּטישע מחשבות"; י. פֿרידלאַנדס „וואַנדערונגען און נסיונות"; מאַטעס דייטש'ס בוך לידער „צום ...נטסטן שטערן — יידיש"; ל. לאָסאווין, ב. נודעלמאַן, ל. סיגאַלאָווסקי, ל. רעזניקאָוו, א. איאַלטי, יאָסל בורשטיין „אויף שמאָלע טראָטואַרן", און יחיאל האָפּערס „אין אַ הויף אויף פּאַקאַרנאַ" (ביידע פֿון ישראל); מ. אָשעראָוויטש, צבי כהן, י. י. טרונק; י. מעצקערס „גאָטס באַשעפֿענישן"; ב. ביאַלאָסטאָצקי, י. קאַרמאַן, אפרים אויערבאַך, צבי שאַרגאַל; ה. לייוויק „לידער צום אייביקן"; מאיר שטיקער „יידישע לאַנדשאַפֿטן, און שלמה ביקל: „שרייבער פֿון מיין דור", קריטישע עסייען.

עס ווערט אויך דערמאָנט דעם הונדערטסטן געבוירנטאָג פון שלום עליכם און די יידישע דערציילונגען וואָס זיינען דערשינען לכבוד דער פייערונג, אומעטום און אויך אין סאָוועטן פאַרבאַנד.

אַז אונדזער יידיש לשון, יידישע ליטעראַטור, קריגט שוין יאָ אָנזען און אַנערקענונג ביי די אומות העולם, איז דאָ האָפנונג, אַז אונדזער מאַמע־לשון יידיש וועט שוין אויך אָנהייבן באַקומען חן און אנערקענונג ביי אונדזערע אחינו בני ישראל. . . . כידוע — יידן האָבן ליב נאָכצוטאָן די גויים ! . . .

## אַז מען לעבט, דערלעבט מען זיך!

אַ צווייטער דערפרייענדיקער גרוס אין שייכות מיט יידיש איז: די ידיעה וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן פון אויטאָריזירטע קוואַלן אַלס אויטענטיש, אַז די ישראל מלוכה האָט זיך פאַרפליכטעט צו צאָלן 85 פּראָצענט פון די הוצאות צו די שולן און ישיבות אין ישראל, וואָס לערנען מיט די תלמידים יידיש. אַוודאי איז עס אַ דערפרייענדיקע בשורה טובה פאַר אונדז יידיש־יידן אין די תפוצות און אין ישראל.

לאָמיר זיין אָפנהאַרציק און אַרויסברענגען דעם פאַקט, אַז אַ גרויסער טייל פון אונדזערע יידיש נאַציאָנאַלע יידן, וועלכע זיינען געווען דאָ אין לאַנד פון די ראשונים־גרינדער פון יידישן שול־וועזן, האָבן אָבער זינט דעם אויפקום פון מדינת ישראל אָנגעהויבן ביסלעכוויז פאַרלירן דעם אינטערעס צום יידיש לשון, און געשטעלט ס'רוב דעם טראָפּ אויף העברעאיש אָדער ענגליש. היות די מלוכה און די ותיקים אין ישראל האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדער ליבע צו גלות־יידישקייט און ממילא יידיש לשון, האָט מען שוין אויך דאָ, אונטער דער השפעה פון מדינת ישראל, אָנגעהויבן ביסלעכוויז אָפּנייגן פון יידיש. דער פועל־יוצא פון אַזאַ אָריענטאַציע איז געווען, אַז מ'האָט זיך זייער אָפט דערלויבט צו פאַרבייטן אונדזער זאַפטיקן מאַמע־לשון אויף ענגליש, סיי אין די בריוו און מודעות און סיי פון די טריבונען אויף פאַרזאַמלונגען.

איצט, אַז די מלוכה אין ישראל האָט מיט איר סובווענציע צו די יידיש־ריידנדיקע און יידיש לערנדיקע שולן און ישיבות אַראָפּגענומען, אַזוי צו זאָגן, דעם אומאָפיציעלן חרם פון יידיש, איז אַוודאי צו האָפן, אַז אויך אין דעם פאַל וועט ישראל משפיע זיין אויף די תפוצות, און יידיש וועט ווידער ביי אונדז פאַרנעמען דאָס חשובע אָרט וואָס איז באַרעכטיקט.

אַז מ'לעבט דערלעבט מען זיך !

וואָס „צייט־דיקטאַטאָר"" האָט באַוויזן אין ישראל, האָבן מיר דאָ, יידיש אַספּיראַנטן, מיט אונדזער אומדערמידלעכער עקשנות דאָך נישט געקענט דערוויזן.

## אונדזערע משולחים, געזונט זאָלן זיי זיין !

צו לאָס אַנגעלעס ציען זיך כלערליי משולחים מיט פאַרשיידענע פּראָיעקטן, פון ניו־יאָרקער אינסטיטוציעס. מיר האָבן אויף די שפּאַלטן פון דער שריפט שוין איינמאָל דערמאָנט, אַז ס'ווערן פון דאַנען אַרויסגעפירט, יערלעך צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן פאַר כלערליי פּראָיעקטירטע קולטור אונטער־נעמונגען פון צענטער, ניו־יאָרק (חוץ נאַציאָנאַלע „קאַמפּיינס"). האַלטן מיר עס

ניט פאַר קיין עוולה. ס׳איז אויך צום פאַרשטיין אַז דער משולח זאָל לויבן זיין „סחורה״. אָבער „אָנשרעקן״ די פּראָווינצער, ר״ל, אַז דער פּראָיעקט וואָס „איך״ פאַרטרעט, איז דער וויכטיקסטער פאַרן יידישן פאָלק ביי היינט צו טאָג״ — און כאָטש נעם און שטעל אָפּ אַלע אונדזערע אַקטיוויטעטן דאָ אין שטאָט. אַזאַ באַציאונג רופט נאָר אַרויס ביי אונדזערע קולטור־עסקנים ווייט ניט קיין סימפּאַטישן אָפּרוף. די משולחים דאַרפן וויסן און פאַרשטיין, אַז מיר דאָ האָבן אונדזערע אייגענע אַחריות׳פולע קולטור־טעטיקייטן און פליכטן, ווי אויפהאַלטן אינסטיטוציעס, דאָס יידיש שול־וועזן א. אַ. דער משולח דאַרף דאָס פאַרשטיין און ניט שטעלן פאָדערונגען: „כ׳וועל נישט נעמען ווייניקער פון ד ע ר סומע״! מיט אַזאַ האַנדלונג באַקומט ער דאָס פאַרקערטע. דער משולח מעג וויסן, אַז ער קומט צו מענטשן יידיש באַוואוסטזיניקע, גוטע לייענער, און ווייסן אויך עפּעס וועגן די ענינים וואָס קומט פאָר אין יידישן קולטור־לעבן, ווי למשל, „דער גרויסער יידישער ווערטערבוך״. ווי וויכטיק און גרויס דער פּראָיעקט זאָל ניט זיין, האָבן מיר דאָ אויך אַ מיינונג, צי דער איינשטעל פון דער אונטערנעמונג איז בכלל פּראַקטיש און ראַציאָנאַל אויספירבאַר!

זאָלן אָט־די קורצע ראַנד־באַמערקונגען, אין שייכות מיט די משולחים וואָס ניו־יאָרק שיקט צו אונדז, אין זינען האָבן, אַז מיט האַרבן, רוגזהדיקן צושטיין צו אונדזערע טייערע יידיש־יידן, וועלכע זיינען אָפּנעמער פון יידישן בוך און שטיצער פון אַלע וויכטיקע קולטור־פּראָיעקטן, מיט וועלכע ניו־יאָרק איז אונדז מזכה, וועט מען ווייט ניט דערגרייכן. די פּראָווינציעלע „מעלקעדיקע קו״ קען נאָך חלילה גאָר זיך אויפהערן צו מעלקן...

## אַ ביסל נחת

במשך עטלעכע יאָר שוין, אַז מיר האָבן נישט געהאַט אַזאַ נחת־רוח ביי־וואוינענדיק די גראַדואירונגען פון די יידישע שולן דאָ אין ל. א., סיי פון אינסטיטוט־פאַרבאַנד שולן און סיי פון די פּרץ אַרב. רינג שולן. ציביידע באַזונדערע גראַדואירונגען איז געקומען אַ גאָר היפּשער עולם: עלטערן, משפּחות פון די קינדער און פריינט אָנהענגערס פון די באַטרעפנדיקע שול באַוועגונגען.

אין דער פאָלק־שול האָט די הויפּט־לערערין, מרים הירשבערג, זייער וואַרעם גערעדט צו די גראַדואַנטן און זייערע עלטערן און האָט זיי געוואונטשן ווייטער אָנצוהאַלטן זייער לערנען און זיך פאַרפולקאָמען אין זייער יידישער דערציאונג. די קינדער האָבן געלייענט אין יידיש און העברעאיש, מיט אויסצוגן פון ישעיה, עמוס, פּאָעמעס פון ח. נ. ביאַליק, א.אַ. און פּרעזענטירט פון די גראַדואַנטן: מאיר בלומענפעלד, אַברהם דענעס, פלג דיאַמאָנד, משה שייפער און בת־עמי אויערבאַך. אַלע זיינען זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דעם גרויסן עולם. חסיה מאַרגאָליס האָט אָנגעפירט מיט געזאַנג בציבור און מאָריס דייטש, פּרעזידענט פון אינסטיטוט, האָט האַרציק באַגריסט די גראַדואַנטן.

* * *

אַן ענלעכע גראַדואיר פייערונג פון פיר פעאיקע תלמידים איז דורכגעפירט געוואָרן פון די אַרבעטער רינג שולן. עס האָבן באַקומען דיפּלאָמאַס: שרה רבקה אגינס, ירחמיאל טאַוב, אײדל מאָנקאַרש און חנה שרה פּילער. די גראַדואַנטן מיט

דער הילף פון די תלמידים פון קלאַס „ג" האָבן דורכגעפירט אַ לייענונג־פּראָגראַם אויף דער טעמע: „דאָס יידישע פאָלק — דער עם הסופר" — אַן עקסקורסיע אין דער יידישער געשיכטע מיט פראַגמענטן פון אונדזערע קלאַסיקער, שריפט־שטעלער און דיכטער. די פּראָגראַם איז דורכגעפירט געוואָרן פון דעם באַקאַנטן פּעדאַגאָג, שמואל סיגאל, שולן־דירעקטאָר. דער שולן־כאָר, אונטער דער אָנ־פירונג פון אַלבערט ביטער און פּיאַנאָ באַגלייטונג פון בעטי נוטקעוויטש, האָבן חנודיק פאַרגעטראָגן יידישע פאָלקס־לידער. די פיירונג איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון דעם באַקאַנטן קולטור און שול־עסקן, אַלעקס ראָבין. די גראַדואירונגען פוןביידע שולן, פאַרבאַנד און אַרבעטער רינג, האָבן אויף אַלעמען געמאַכט אַ גוטן איינדרוק און געשטאַנען אויף אַ הויכער ניוואָ.

ביי ביידע גראַדואירונגען האָט דער משגיח איבער די שולן אין ל. א. פון דער ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג, ד"ר ברידזשער, באַגריסט די קינדער און די שול־טוער.

ס'וואָלט שוין באמת צייט געווען, אַז די פירערשאַפט פון ביידע שול־באַוועגונגען זאָלן ערנסט זיך פאַרטראַכטן, צוריק אויפצולעבן די פאַראייניקטע מיטל־שול. פריש איז נאָך אין אונדזער זכרון די פּרעכטיקע, גראַנדיעזע מיטל־שול יום־טובים און גראַדואירונגען. דאָס זיינען געווען דערהויבענע שול יום־טובים פון גאַנצן יידיש־יידישן סעקטאָר אין לאָס אַנגעלעס.

וואָס פאַר אַ נחת־רוח ס'איז געווע צו הערן די „מיטל־שולניקעס" מיט זייערע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישער ליטעראַטור און יידיש־וועלטלעכע ענינים. אויך דאָס „קינדער־טעאַטער", ווי אַ צווייג פון דער מיטלשול, איז געווען אַן אויפטו און אַ דערגרייכונג, וואָס האָט געמוטיקט און געשטאַרקט די עקשנות פון די שול־טוער. אַן אַ מיטלשול, אָן אַ המשך פון יידישע לימודים ביי די קינדער, מיינט אַן אַבסאָלוטער איבעררייס און פאַרגעסונג; און דאָס ביסל וואָס זיי האָבן יאָ אויפגעכאַפּט אין די קורצע שעה'ען פון זייער לימוד, וועט ליידער גיין לאיבוד.

אַ פאַראייניקטע יידישע מיטל־שול אין לאָס אַנגעלעס איז דער געבאָט פון דער שעה!

---

משה גלאַזער

# לך־לך (ב)

ב י ת — איז צוויי.
ל ך — מיינט גיי!
און אַבר(ה)ם גייט
איבער דער לענג און ברייט
פון דעם לאַנד כ נ ע ן —
(אין חומש שטייט:)
וואָס דער כנעני איז
באַזעסן דאָן.

און אַבר(ה)ם ציט —
ציענדיק פון אָרט צו אָרט —
און וואו ער שטעלט
זיין געצעלט,
בויט ע ר אַ מ ז ב ח דאָרט.
און רופט צו גאָטס נאָמען —
דעם נ אָ מ ע ן
פון „גאָט פון אַבר(ה)מען" —

דעם באַשעפער פון דער וועלט —

ווערט אין חומש
כמעט אַזוי דערציילט.

א. כראַבאַלאָווסקי

# נאָטיצן פון יידישן קולטור־לעבן

## אַ יום־טוב פון יידישער קולטור און יידישער דערציאונג

אין נומער 75 „ידיעות פון ייוו"א" לייענען מיר דאָס ווייטערדיקע:

„אויף דער איניציאַטיווע פון אַ גרופּע געוועזענע תלמידים פון לייבוש לעהרער מענטשן, וואָס פאַרנעמען שוין היינט אייגענע פּאָזיציעס, ווי וויסנשאַפט־לייט, אוניווערסיטעט דאָצענטן, געזעלשאַפטלעכע טוער אאז"וו — איז מיט אַ צייט צוריק געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט צו פייערן 50 יאָר דערציערישע, וויסנשאַפלעכע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון ל ײ ב ו ש ל ע ה ר ע ר.

צו דעם קאָמיטעט זיינען צוגעשטאַנען דער ייוו"א, דער שלום־עליכם־פאָלקס־אינסטיטוט, דער יידישער לערער־סעמינאַר, דער יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, דער אַרבעטער רינג, דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס דער פּען־קלוב און דער י. ל. פרץ שרייבער־פאַראיין.

„דער פייערלעכער באַנקעט איז פאָרגעקומען זונטיק בייטאָג. דעם פּאָרזיץ האָט געפירט ס. דינגאָל.

„ד"ר עזריאל נאַקס, פּראָפעסאָר פון ניו־יאָרק אוניווערסיטעט, האָט אין אַ לענגערן רעפעראַט אַרומגערעדט דעם בעל־יובלס טעאָרעטישן דרך אין יידישער דערציאונג און זיין פּראַקטישע אַרבעט צו שאַפן אַנוסח פון וועלטלעכער יידישקייט. אים האָבן אויך באַגריסט זיינע געוועזענע תלמידים: ד"ר שיקל פישמאַן, פּראָפ. פון פענסילווייניע אוניווערזיטעט, און ד"ר יוסף לאַנדיס, פּראָפ. פון קווינס קאָלעדזש. שריפטלעכע באַגריסונגען זיינען צוגעשיקט געוואָרן כמעט פון אַלע יידיש־געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס און פון אַ גאַנצער רייע יידישע שריפטשטעלער און דיכטער."

לאָמיר דאָ דערלויבט זיין מוסיף צו זיין צו דעם, וואָס איז אויבן געזאָגט;

אויך דער שרייבער פון די שורות, אַ פּשוטער בשר־ודם, רעכנט זיך ווי לייבוש לעהרערס אַ תלמיד נאָך פון פאַר די 50 יאָר, דהיינו, פון די יאָרן פון פרייהייטס־קאַמף אין 1905; און שפּעטער, ווען דער בעל־יובל, אונטערן נאָמען „אַלעקסאַנדער" איז דער אָנפירער פון דער ס.ס.ישער אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָווע, און אים שטענדיק געדענקט מיט ליבע און פאַרערונג.

אין די מעמואַרן א"ב: „צייטן און מענטשן", פאַרעפנטלעכט אין ניי־דערשינענעם בוך „טשענסטאָכאָווע," ווערט וועגן אים געזאָגט:

„אַ גרויסע השפּעה אויף אונדז האָט געהאַט חבר אַלעקסאַנדער (לייבוש לעהרער, ער איז געקומען פון וואַרשע). מיט זיין געקרייזטן קאָפּ טונקל־ברוינע האָר, ברוין לייכטנדיקע אויגן און פּאַלירטער שטימע איז ער געווען אַ מאַגנעטישער כוח. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ גוטער לערער און פייאיקער אָרגאַניזאַטאָר."

ווער איך זיך דאָ מתייחד זיין מיט די באַגריסער פון חשובן לייבוש לעהרער מיט דעם גרוס פון יענע פרילינגס־יאָרן, וואָס זייער ליכט איז ביז היינט ניט אויסגעלאָשן געוואָרן.

# יידישע טעמעס אויף טעלעוויזיע און פילמען

אין אונדזערע נאָטיצן אין נומ. 21 „חשבון" האָבן מיר געבראַכט ציטאַטן פון דער יידישער פּרעסע אין ניו־יאָרק וועגן דער טעלעוויזיע־פּראָגראַם „די וועלט פון שלום עליכם", וואָס איז דאָרט געוויזן געוואָרן. גראַד ביים דערשיינען פון יענעם נומער „חשבון" איז די צוויי־שעהדיקע פּראָגראַם געוויזן געוואָרן ביי אונדז. „די וועלט פון שלום עליכם" איז ניט אינגאַנצן שלום עליכמ'ס. פּרצ'ס „באָנטשע שוויג" פאַרנעמט דאָרט דעם אויבנאָן און צוזאַמען מיט שלום עליכמ'ס כעלעמער מעשה און „גימנאַזיע", אויסגעפירט ריין און קינסטלעריש — איז עס באמת געווען „אַ נחת פאַרן אויג און צוגעגעבן כבוד דער יידישער ליטעראַטור און דעם יידישן פאָלק."

מיט אַ צייט שפּעטער האָבן מיר ווידער געזען אַ צוויי־שעהדיקע טעלעוויזיע פּראָגראַם א"נ „וואַרשעווער געטאָ", און צוזאַמען מיט אַ סך יידישע מענטשן, וואָס האָבן דאָס געזען, פאַרבראַכן די הענט פון צער, ווי אַזוי מ'האָט אויפן האָלי־וואודער שטייגער פאַלסיפיצירט אַ גרויליק קאַפּיטל פון דער שוידערלעכער יידישער טראַגעדיע. טשאַרלס לאָוטאָן, די הויפּט־פיגור אין דער פאָרשטעלונג, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט וואָס איר ווילט, נאָר ניט קיין יידישן רב. דער דייטשי־שער נאַצי, וואָס פאַרליבט זיך אין רב'ס פאַרפייניקטער טאָכטער און ראַטעוועט זיך צוזאַמען מיט איר דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן, איז אויסגעקלערט גע־וואָרן, כדי ריין צו וואַשן די דייטשישע מערדער; דער פאָליאַק, וואָס האָט מקריב געווען זיין לעבן, כדי צו ראַטעווען דעם רב'ס הויזגעזונט, איז אַ פּשוטער ליגן. אַזעלכע פאַלן זיינען אינגאַנצן ניט געשען. אַלץ צוזאַמען האָט געמאַכט אויף די, וואָס וויסן וואָס ס'איז באמת דאָרט פאַרגעקומען און נאָך מער אויף די, וואָס האָבן אַליין איבערגעלעבט דעם חורבן — אַ דערדריקנדיקן איינדרוק.

דאַרף מען דאָ טאַקע נאָכאַמאָל דערמאָנען ווי וויכטיק ס'איז ס'זאָל געשאַפן ווערן אַ געזעלשאַפט פון יידישע אַקטיאָרן און געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס זאָלן צוגרייטן און אויספירן פּראָגראַמען, באַזירט אויף אמתע, קינסטלערישע שילדע־רונגען פון יידישן חורבן, וואָס זיינען צו אונדזער אומגליק שוין פאַראַן גענוג.

ווי אַ באַווייז דערפאַר ברענגען מיר דאָ אויסצוגן פון דער נאָטיץ אין פריער דערמאָנטן נומער „ידיעות פון ייוו"א. אין 1959 האָט די טעלעוויזיע סטאַציע סי־בי־עס אויסגעפירט אַ געטאָ־פּראָגראַם מיט זעכציק בילדער, וואָס זיינען אויסגעבאָרגט געוואָרן פון ייוו"א־אַרכיוו. די בילדער האָבן מיט זיך פאַרגע־שטעלט דעם קאַמף, ווידערשטאַנד און אומקום פון וואַרשעווער געטאָ. די פּראָ־גראַם איז אויסגעצייכנט געוואָרן דורכן „נאַציאָנאַלן ראַט פאַר יידישע אילוס־טראַטיווע מאַטעריאַלן."

* * *

דאָס פילמירן אין ישראל דאָס בוך פון לעאָן יוריס „עקזאָדוס", האָט אַרויס־גערופן אַ גרויסן אינטערעס אין דער פילם־אינדוסטריע אין דער וועלט. פאַר־שידענע פילמען אויף יידישע טעמעס ווערן פּראָיעקטירט. צווישן אַנדערע „מיינע ברידער, די העלדן פון לויב", וועגן אויפשטאַנד פון די מאַקאַבייער, לויט בוך פון האָוואַרד פעסט; אַ פילם וועגן לעבן פון ח נ ה ס ע נ ע ש און

פילם וועגן אַ יידישן „קאַפּאָ" אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דער צייט פון היטלער־חורבן.

## אַן אַנקעטע וועגן יידיש־שרייבער אין ישראל

דער פּאָפּולערער זשורנאַל „היימיש" האָט אַדורכגעפירט אַן אַנקעטע צווישן די עברית־שרייבער וועגן פּראָפ' דוב סדנ'ס פאָרשלאַג אַריינצונעמען די יידיש־שרייבער אין „אגודת הסופרים". צוויי פּונקטן פון דער אַנקעטע זיינען געווען:

1) צי זענט איר מסכים מיט די רייד און פאָרשלאַג פון פּראָ. דוב סדן?

2) צי האַלט איר, אַז דער מצב פון די סופרי יידיש דאַרף פאַרבלייבן אַזעלכער ווי ער איז, איזאָלירט און אָן וועלכע ס'איז זכיות? (צי געניסן פון די 70 ליטע־ראַטור־פּרעמיעס וואָס ווערן צעטיילט אין ישראל צו עברית שרייבער אא"וו. א.כ.)

מיר קענען דאָ נאָר ברענגען אַ קיצור פון אַ פּאָר פון די סאַמע כאַראַקטע־ריסטישסטע ענטפערס:

מיכאל אַסף, פאָרזיצער פון זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד און מיטאַרבעטער פון „דבר": „דער שרייבער־פאַרבאַנד, וועלכער האָט תחילת אַריינגענומען נאָר העברעאישע זשורנאַליסטן, האָט זיך אויסגעברייטערט און איינגעשלאָסן אַלע זשורנאַליסטן אין ישראל פון די פאַרשידנסטע לשונות . . . וואָס שייך די יידישע שרייבער, איז אוממעגלעך אויסצומיידן דעם פאַקט פון היטלער־חורבן און זיינע רעזולטאַטן לגבי דער יידישער ליטעראַטור."

עמנואל בן־גריון, עסייאיסט, העברעאישער ליטעראַטור־קריטיקער, געבוירן (1906) אין ברעסלאַו, דייטשלאַנד, אַ זון פון באַוואוסטן העברעאיש־יידישן שריי־בער, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי: „יידיש האָט מער זכיות לגבי די אַנדערע לשונות, סיי אין דער גולה, סיי אין לאַנד. מיין פולע פאַרערונג פאַר די סופרי־יידיש אין ארץ־ישראל, וואָס טראָגן מיט שטאָלץ זייער גורל פון זיין שרייבער אין אַ לשון פון פאַרגייענדיקן דור. זיי דאַרפן אָבער זיין קאָנסעקווענט און אפילו ניט מאָנען פאַר זיך קיין נאַציאָנאַלן מעמד אין דער מדינה, וואָס איז ניט באַזירט אויף ז י י ע ר (מיין קורסיוו — א.כ.) לשון."

ווי זאָגט זיך עס אין דער הגדה: „מה עבודה הזאת לכם — לכם ולא לו, אא"וו...

דעם אינטערעסאַנטסטן ענטפער האָט, דאַכט זיך, געגעבן שמשון מעלצער: „אַזוי זיינען יידישע שרייבער, אַ קליינע און ענג־פאַרבונדענע געזעלשאַפט (זיי האָבן זייער אייגענעם ליטעראַטן־פאַראיין, כאָטש אין אַ קעלער). אין דער אגודת הסופרים וועלן זיי בטל ווערן בשישים און דאָס איז ניט גוט."

דער שרייבער פון די נאָטיצן איז אינגאַנצן דערמיט מסכים. די יידיש־שרייבער אין ישראל דאַרפן ניט זוכן קיין אָפיציעלע זכותים פון פאַררעסענע עברית־שרייבער. זיי קענען לעבן אין זייער אייגענעם זכות, וואָס ז י י, ניט די עברית־שרייבער, זיינען די איינציקע, וואָס פאַרבינדן ישראל מיט די יידן און יידיש שאַפן אין דער וועלט. און דאָס איז פאַר זיך אַליין אַ גרויסער זכות.

---

**ווערט אַ מיטגליד אין יידישן קולטור קלוב** — די קולטור־היים פון יידיש־יידישן סעקטאָר אין לאָס אַנגעלעס. מ. ל. קאָפּעלאָף, סעקר., 4213 מאָנראָו, ל.א.

# ליטעראַרישע נאָטיצן

## דערפילט די קריטיק איר אויפגאַבע?

אין אַפּריל נומער „היימיש“ (תל-אביב), האָט דוד ראַפּאָפּאָרט (ניו-יאָרק) אין זיין מאמר: „דער גייסט פון קליינלדיקייט“, באַרירט דעם ענין וועגן אונדזער קריטיקער: „דער קליינל-גייסט — שרייבט ער צווישן אַנדערן — דערלאָזט נ... דאָס צושטראָמען פון ניי, פריש בלוט, דאָס אויפקומען פון נייע שרייבער, ני... נאָר אין די אַמעריקעס, נאָר אַפילו אויך אין ישראל; ווען אַ נומער "אָפּקליי... דערשיינט — איז ער ממשיך — נעמט מען דאָס באַלד רעקלאַמירן... אָבער ו... עס דערשיינען אין יידיש-לאַנד פאַר די לעצטע זעקס-זיבן יאָר: „אויפסניי“, „זי... „אונדזער וועג“, „חשבון“, „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער“, „היימי... האָבן נאָך די זעלבע קריטיקערס נישט געפונען פאַר נייטיק זיי צו דערמאַ... אויב דער לעבעדיקער האָט אין זיין „ליטעראַרישן יאַריד“ יאָ דערמאָנט די ... זשורנאַלן, האָט מען אים דערפאַר אויפגעהערט צו דרוקן!“! מ'קען זיין מ... צי דאָס איז די עיקר סיבה ווארום דער לעבעדיקער שרייבט נישט מער אין ... „ט.-מ.זש.“, ניט אין דעם גייט עס, אָבער די טענה פון דוד ראַפּאָפּאָרט, ווא... די דערמאָנטע זשורנאַלן ווערן פאַרזען און נישט דערמאָנט פון די קריטי... איז בפירוש אַ גערעכטע.

מיר האָבן שוין אויף די שפּאַלטן פון „חשבון„ זיך אַ פּאָר מאָל אָפּגעש... אויף אָט-דעם מאָדנעם פּאַראַדאָקס. מילא, אַז דער קריטיקער פון „פאָרווער... י. באַשעוויס, דערמאָנט נישט די זשורנאַלן, קען מען נאָך פאַרשטיין וו... איינער, וואָס דערלויבט זיך אַ זאָג צו טאָן: אַז „ס'איז לעצטנס נישט דער... קיין איין ווערטיק, גוט יידיש בוך“ (חוץ זיינעם, פאַרשטייט זיך), איז ווי ק... דערוואַרטן, אַז ער זאָל זיך „אַזוי אַרונטערלאָזן“ ר"ל און דערמאָ... פערטל-יאָר זשורנאַלן?!...

אָבער פון די קריטיקער אין „ט.-מ.זש.“ וועלכע מיר האָבן איצט ב"ה... פיר, און יעדן זונטיק כמעט רעצענזירט איינער פון זיי איבער אַ ייד... זאָל עס איינער פון זיי פילן די אַחריות צו דערמאָנען, מיט אַ קורצן מאמ... אַז ס'דערשיינען די און די ליטעראַרישע שריפטן, זייער ווערט און תו... ווער, די פּען-מענטשן ביי דער פּרעסע ווייסן זייער גוט וויפיל מי, עק... אידעאַליזם עס פאָדערט זיך כדי אָנצוהאַלטן אַ דויערהאַפטיקן עקזיס... אַזעלכע שריפטן, ביים איצטיקן מצב פון שפּראַכלעכער אַסימילאַציע! ... טעריסטיש: מיט וואָס, פרעגט זיך, איז אַ בוך פון אַ יחיד אַ שרייבער ... טיק און חשוב איבער אים צו שרייבן ווי איבער אַ זאַמלונג פון אַ ק... פון שרייבער, וועמעס אויסגאַבע איז ניט סתם אַן „איינמאַליקע“, בייע... שטענדיקע?! על פי שכל און לאָגיק, וואָלט אַ שריפט אַרויסגעג... ציבור, וואָס טראָגט אויף זיך אַ קולטור-געזעלשאַפטלעכן חותם, געדאַ... די פּריאָריטעט דערמאָנט צו ווערן, כדי צו דערמוטיקן די עקשנים ... שפּרייטער פון יידישן וואָרט, וועלכע מיט זייערע אויסגאַבן פילן באַש...

היינט־צו־טאָג, אַ חלל אין אונדזער פּאַר'יתומ'טער און אַלץ קלענער־ווערנדיקער מחנה פון דיכטער און שריפטשטעלער. צום באַדויערן, זעט עס אויס, אַז אונדזער קריטיק, בנוגע די דערמאָנטע זשורנאַלן, האָבן נישט צו זיי זייער פּאַרדינטע באַציאונג.

אַט פון דעם קוק־ווינקל איז עס זייער וויכטיק, אַז אַ קריטיק וואָס וויל באמת דערפילן איר אַחריות'פולע אויפגאַבע צו וועלכע זי איז באַרופן, טאָר בשום אופן נישט פאַרזען אַזעלכע דערשיינונגען; נייערט זי דאַרף מוטיקן און שטאַרקן די הענט פון די, וואָס דער גורל האָט פאַר זיי באַשטימט זיך אָפּצוגעבן מיט אַט־דער וויכטיגער קולטור־טואונג.

## אָפּשייד און קבלת פּנים

דאָנערשטיק אָוונט, דעם 9טן יוני, האָט דער שרייבער־קרייז ביים זשורנאַל „חשבון" איינגעאָרדנט אַ קבלת פּנים לכבוד דעם צוריקקער פון דעם דיכטער ז. בונין און זיין ליבע פרוי יעטאַ, פון ישראל און.. אַ צאתכם לשלום צום נאָוועליסט נח גאָלדבערג און זיין ליבער פרוי לאהקע, צו זייער אָפּפאָר קיין ניו־יאָרק. אויף ווי לאַנג?... ווייסן זיי לעת־עתה אַליין נישט, אפשר אויף אַ לענגערער צייט און מעגלעך נאָר אויף עטלעכע חדשים. אַזוי צי אַזוי, האָבן די שרייבער און פריינט זיי געוואונטשן אַ האַרציקן פאָר געזונט און זיי פאַרזיכערט, אויב זיי וועלן, פאַר איין סיבה אָדער אַנאַנדערע, קומען צוריק, וועלן זיי זיין ביי אונדז האַרציק ווילקאָמען.

דער דיכטער בונין האָט אונדז איבערגעגעבן אַ גרוס פון ישראל און פון דאָרטיקע קאָלעגן. ס'האָבן באַגריסט בונינען און גאָלדבערגן אַ צאָל קאָלעגן און פריינט און אָנגעוויזן אויף דאָס אייגנאַרטיקע אָרט אין זייער ליטעראַרישן שאַפן; און ווינטשנדיק גאָלדבערגן ער זאָל זיך בעסערן אין געזונט און קענען ממשיך זיין זיינע קרעפטיקע דערציילונגען ווי ביז איצט.

דער אָוונט איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון י. פרידלאַנד, אין זאַל פון יידישן קולטור קלוב, ביי יום־טוב'דיקע טישן מיט פיינעם כיבוד. די בונינס און די גאָלדבערגס האָבן אויסגעדריקט אַ וואַרעמען דאַנק צום שרייבער־קרייז פאַר איינאָרדענען דעם חברישן, אינטים־גייסטרייכן אָוונט.

## לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור

עס איז דערשינען דער באַנד 3 פון דעם „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", וואָס נעמט אַריין די אותיות: ה, ו, ז, ח.

דער דריטער באַנד דערשיינט אונטער דער רעדאַקציע פון: אפרים אויערבאַך, משה שטאַרקמאַן און יצחק כאַרלאַש (רעדאַקציע סעקרעטאַר). די מיטאַרבעטער פון איצטיקן באַנד זיינען: ז. דיאַמאַנט, ב. טשובינסקי, י. כהן, י. כאַרלאַש, א. ר. מלאכי, ב. עליס, אל. פּאָמעראַנץ, ח. ל. פוקס און ל. דאַן.

מלך ראַוויטש (מאָנטרעאַל, קאַנאַדע) האָט איבערגעקוקט אַ גרויסע צאָל ביאָגראַפיעס און האָט צו אַ סך פון זיי געמאַכט ווערטפולע הערות.

* * *

# קאַמיטעט פאַר ארץ־ישראל אַנטאָלאָגיע

אַן ארץ־ישראל אַנטאָלאָגיע פון צוויי בענד — ליד און פּראָזע — ווערט צוגעגרייט. דער ערשטער באַנד—פּאָעזיע—איז שוין אַריין אין דרוק. דער מחבר פון דער אַנטאָלאָגיע איז מרדכי יפה, דער מחבר פון פיר אַנטאָלאָגיעס פון דער העברעאישער פּאָעזיע.

אין דעם ערשטן באַנד קומען אַריין לידער וועגן ארץ־ישראל פון איבער אַכציק יידישע דיכטער, וואָס האָבן באַזונגען ארץ־ישראל, געשילדערט דאָס לאַנד אין מאָמענטן פון געראַנגל און אויפבוי.

כדי צו דערמעגלעכן אַז ביידע בענדער זאָלן אַרויס, האָט זיך פאָרמירט אַ קאָמיטעט אין פאָלגענדן צונויפשטעל: יעקב גלאַנדשטיין, פאָרזיצער; ד״ר א. אייסען, סעקרעטאַר; ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, איסער גאָלדבערג, א. גלאַנץ־לעיעלעס, ב. כאַנין, חיים ליבערמאַן, ד. ל. סעקלער, אַברהם סוצקעווער, פּראָפ. דוב סדן, ל. סיגאַל, יעקב פּאַט, אהרן צייטלין, הלל ראָגאָף, מלך ראַוויטש, זלמן שזר.

דער מינימום פון אַבאָנימענט־פּרייז איז זעקס דאָלער פאַרן ערשטן באַנד.

יידישע פּראָזע־שרייבער ווערן געבעטן צושיקן זייער ארץ־ישראלדיקע ווערק, שוין געדרוקטע אָדער אין מאַנוסקריפּט, פאַר דעם צווייטן באַנד.

וועגן אַלע ענינים דאַרף מען זיך ווענדן צום מחבר לויטן פאָלגענדן אַדרעס:
**M. JAFFE, 322 Neptune Ave., Brooklyn, N.Y.**

# חשובע געסט אין לאָס אַנגעלעס

**בצלאל שערמאַן**, באַוואוסטער יידישער געלערנטער, גלענצנדער לעקטאָר און שריפטשטעלער, האָט געוויילט דאָ עטלעכע וואָכן און איז אויפגעטראָטן ביי די פאַרבאַנד צווייגן, פּועלי־ציון גרופּן, מיט אַ צאָל גייסטרייכע רעפעראַטן.

**געניע סילקעס**, באַקאַנטע שריפטשטעלערין, האָט געוויילט אַ פּאָר חדשים אין שליחות פון דעם „גרויסן יידישן ווערטערבוך"; האָט דאָ אַנגעפירט אַ דערפאָלגרייכע זאַמל־אַקציע און איז אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן ביי די פרויען לייען־קרייזן, אַרב. רינג בראַנטשעס, צווייגן פון פאַרבאַנד, הסתדרות עברית, און אַנדערע קולטורעלע גרופּירונגען.

**אָשר פּען**, באַוואוסטער שריפטשטעלער און דיכטער, מיטאַרבעטער פון „ט.־מ.־זש.", האָט אויף זיין וועג קיין מעקסיקע אָפּגעשטעלט זיך אין ל.א. אויף אַ פּאָר וואָכן. דער קולטור קלוב האָט איינגעאָרדנט אַ פיינעם קבלת־פּנים לכבוד אים, און ער האָט רעפערירט וועגן „די יו־ען און דאָס געבורט פון מדינת ישראל." אָשר פּען איז אויך אויפגעטראָטן ביים קאָונסיל פון די לייען־קרייזן און צווייגן פון פאַרבאַנד. זיין מאָנומענטאַל ווערק: „יידישקייט אין אַמעריקע", איז גוט פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן אונדזערע שטענדיקע אָפּנעמער פון יידישן בוך און גאָר באַזונדער ביי די שולן, טעמפּלען און צענטערס, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט מיט דעם ענין פון יידישע יוגנט אין אַמעריקע.

**דאָראַ שולנער**, באַקאַנטע שרייבערין פון שיקאַגע, האָט זיך באַזעצט אין ל.א. און גרייט צו אַ נייעם בוך אונטערן טיטל „פּערזענלעכקייטן אין יידישן לעבן". ס'האָט זיך פאָרמירט אַ בוך־קאָמיטעט מיט ב. אזאַלין אַלס פינאַנץ־סעקרעטאַר. דער אַדרעס פון קאָמיטעט איז: 1436 גלענדייל בולוו., ל. א. 26, קאַליפ. (יוד.)

גאָלדע שלאָסבערג-אַרפּין

# יזכור נאָך די געטאָ-יידן

(פאַרצייכענונג)

מיר פאָרן פון חיפה צו יזכור נאָך די זעקס מיליאָן יידן, איינגעאָרדנט פון קיבוץ „לוחמי הגיטאות". פאָרסט דורך דאָס שיינע שטעטל נהריה, וואָס איז איינגעטונקט אין בוימער און בלומען. דער אַראָמאַט פון ציטרוס בליאונג נעמט אַרום בערג, טאָל און ים. די זון איז געשטאַנען הויך; די פענצטער פון די הייזער זיינען געווען פאַרהאָנגען. די מענטשן אינעווייניק האָבן גערוט. דאָס שטעטל איז געלעגן ווי אין אַ דרימל. מיר זיינען אַריין אין אַ קאַפע הויז. צו אונדזער איבערראַשונג האָב מיר געהערט אַז מ'רעדט דאָרטן גאַנץ געשמאַק דייטש! מיר האָבן געפרעגט דעם מדריך: ווי קומט עס וואָס מען רעדט דאָ אַזוי פיל דייטש? האָט ער אונדז דערציילט, אַז אין די דרייסיקער יאָרן האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון היטלערס גיהנם אַ גרויסע צאָל יידן, צווישן זיי אַ צאָל פּראָפעסיאָנאַלן: דאָקטוירים, דענטיסטן, אינזשענערן און אַנדערע פּראָפעסיעס. די מערסטע האָבן זיך באַזעצט אין נהריה. זיי האָבן אויך אויפגעבויט אַ וואונדערבאַרן קוראָרט דאָ, אין נהריה, מיט די מאָדערנסטע איינריכטונגען. מ'קומט דאָ אויף אָפּרו פון גאַנצן לאַנד, און אויך טוריסטן האָבן הנאה ווען זיי באַזוכן דעם „רעזאָרט".

ווען די דייטשישע יידן האָבן דערציילט די היגע קיבוץ-מענטשן וועגן זייערע פּלענער פאַר ערד-אַרבעט, האָבן די „קיבוצניקעס" זיי שטאַרק אָפּגערעדט דערפון: ס'איז זייער אַ שווערע אַרבעט! און צווישן זיך האָבן זיי אפילו געלאַכט פון זיי און געזאָגט: די „יעקים" ווילן טאָן ערד-אַרבעט!... מיר האָבן זיי „פאַרגעבן" דאָס דייטש רעדן, ווייל זיי האָבן דאָך מיט זייער געדולד און וויסן געהאָלפן דעם אויפבוי פון לאַנד!...

מיר שטעלן זיך אָפּ אין עכו. דאָ האָט קיינמאָל קיין ייד ניט געטאָרט וואוינען. איצט איז עס דורכאויס אַ יידישע שטאָט! מען זאָגט, אַז נאַפּאָלעאָן האָט נאָך אַ זעקס מאָנאַטן באַלאַגערונג און קאַמף מיט גרויסע פאַרלוסטן, געמוזט פאַרלאָזן [illegible] איבערלאָזנדיק אַ „קאַנאָן" לזכר, לעבן וועלכן טוריסטן נעמען איצט בילדער.. די הגנה האָט גענומען עכו אין זעקס טעג! מיר זעען אויך די פינצטערע תפיסה [illegible] וועלכער עס זיינען געווען פאַרשפּאַרט אונדזערע קעמפער.

אין קיבוץ „לוחמי הגיטאות" זיינען איבער צוואַנציק טויזנט מענטשן אָנ[illegible]קומען מיט „באָסעס", אויטאָמאָבילן, טעקסיס און פּריוואַטע קאַרס. און כאָטש [illegible] „אונטערנעמונג" האָט ניט געטראָגן קיין פריילעכן כאַראַקטער, האָט מען [illegible] געהאַט אַ גוטן געפיל, וואָס אַזאַ גרויסע מאַסע מענטשן זיינען געקומען [illegible] כבוד די געטאָ-העלדן. די קינדערלעך, מיט זייערע זוניקע פּנימלעך, [illegible] יעדן גאַסט באַגריסט מיט אַ שלום! און געגעבן זיי שפּילקעס מיט אַ ישראל [illegible]עם. די געסט האָבן פריי געגעבן געלט די קינדער און דערביי געגלעט מיט [illegible]ערע קעפּלעך. מ'האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז די קינדער דאָ וועלן [illegible] . . .

[illegible] איבער צוואַנציק טויזנט קעפּיקער עולם פילט אָן דעם אימפּראָוויזירטן [illegible]יום", וועלכן מ'האָט אויפגעבויט אויף דעם ניט-לאַנג אָפּגעשניטענעם פעלד.

דער קיבוץ איז בלויז איניקע יאָר אַלט; די פירער זיינען די באַוואוסטע געטאָ־העלדן: „אַנטעק“ צוקערמאַן און זיי פרוי צביה לובעטקין. דער קיבוץ איז גאַנץ דערפאָלגרייך און ס׳הערשט דאָרטן גרויס אַחדות.

אויף דער בינע האָבן גערעדט גאָלדע מאיר, זרובבל, אַנטעק צוקערמאַן, און אַנדערע. יעדער האָט גערעדט וועגן גרויסן חורבן. איבערן פעלד האָט זיך געצויגן אַ „ווייעדאקט“, אַן איבערבלייב פון די רוימישע צייטן, איבער וועלכן זיי האָבן אַמאָל געפירט זייער וואַסער. צווישן די עפענונגען פון „ווייעדאקס“, וואָס האָבן אויסגעזען ווי גרויסע אָפענע טויערן, איז געשטאַנען אַ מאַן און אויף אַ פויק געקלאַפּט דריבנע, איינטאָניקע, אומעטיקע טענער, וואָס האָבן אויף די צוהערער אַנגעוואָרפן אַ שטאַרקן טרויער!

ווייט פון פעלד, ווי פון דער ערד אַרויס, זיינען אַרויסגעקראָכן קינדער איינגעוויקלט אין געלע כאַלאַטן איבער זייערע קעפּ. צום טאַקט פון אומעטיקע פויקן בלייבן זיי ליגן נאָענט צו אונדזערע פיס. זיי שטעלן מיט זיך פאָר די טויטע יידן... עס מאַרשירן אַרויס מיידלעך מיט בחורים; די מיידלעך אין ווייסע בלוזקעס מיט בלויע קליידלעך, די בחורים אין ווייסע העמדער, בלויע הויזן מיט רויטע גאַרטלען; אין זייערע הענט ביקסן. דאָ זיינען די באַפרייער!

דורך דער צייט וואָס זיי מאַרשירן אַריין, האָבן די קינדער אין די געלע כאַלאַטן זיך אומבאַמערקט צוגעשאַרט צו דער גרויסער יאָרצייט ליכט; קונציק פון זיך אַראָפּגענומען זייערע געלע כאַלאַטן, פון וועלכע זיי האָבן געשאַפן אַ מגן־דוד אַרום דער ברענענדיקער יאָרצייט־ליכט. עס האָט ממש פאַרכאַפּט דעם אָטעם! דער גרויסער הבימה קינסטלער, מעסקין, האָט געלייענט אַ קאַפּיטל תהילים; זיין טיפע, ווייכע שטימע האָט טרויעריק אַרויסגעזאָגט יעדן וואָרט צום טאַקט פון פויק, און פון דאָס לייענען האָט מען געפילט ווי גאָט אַליין וואָלט געוויינט ! . . .

אויף מזרח זייט פון פעלד איז געווען אויפגעשטעלט אַ געטאָ־וואַנט, וואו ס׳איז געשטאַנען זעקס ליכט. עס קומען אַרויס דריי פרויען און דריי מענער. אַ זייער פיינע זינגערין זינגט געבירטיק׳ס „דאָס שטעטעלע ברענט.“ דערנאָך האָט מען געצונדן די ליכט ביי דער געטאָ־וואַנט. פּלוצלינג האָט גענומען ברענען אַ פייער פון שטרוי איבערן גאַנצן „ווייעדאקט.“ אַ ציטער האָט דורכגענומען דעם איבער צוואַנציק טויזנט קעפּיקן עולם. יעדער איינער האָט געפילט ווי ער איז אַ טייל פון דעם פייער וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז די זינגערין האָט געענדיקט זינגען!... אין יענעם טרויעריקן מאָמענט האָט מען זיך געטוליעט איינער צום צווייטן... ווען דאָס פייער איז אינגאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן, האָט מען דערזען אַ טונקל־בלויען הימל מיט אומצאָליקע גרויסע פינקלדיקע שטערן. דער גאַנצער אַרום האָט אָנגענומען אַ פאַנטאַסטיש אומגלויבלעכן אויסזען, ווי עס וואָלט מיט דעם געזוכט די געמיטער צו באַרויקן...

עס מאַרשירן אַרויף פרויען, מענער, קינדער מיט ברענענדיקע פאַקלען אין זייערע הענט. זיי מאַנעווּרירן די פאַקלען, דרייען זיי קונציק, מיט אַ שטאַרקן אימפעט טראָגן זיי זיך פאָראויס; זיי הייבן די פאַקלען אין דער הויך און דרייען זיך אַרום דעם גרויסן פעלד; דער כאָר זינגט, דער פויק קלאַפּט, עס ציטערט ממש די ערד! מיר פילן ווי אַלע וואָלטן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין גרויסער פייער־

לעבקייט. עס קומען דערנאָך אָן זעקס זעלנער און שיסן אויס זעקס מאָל פאַר די זעקס מיליאָן אומגעקומענע. מען צינדט אָן די גרויסע מנורה. אַלע שטעלן זיך אויף, מען זינגט: „זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג, הימלען בלייענע פאַרשטעלן גרויע טעג“. . . דער עולם שטייט ווי פאַרשטיינערט, מיט געבויגענע קעפּ. מען קלערט: איז עס טאַקע געשען צו אונדזער פאָלק ? !

נאָך דער „התקוה“ האָבן די מענטשן מיט פאַרוויינטע אויגן גענומען זיך רירן פאַמעלעך פון די ערטער, געקוקט אויף צוריק, ווי זיי וואָלטן עס געוואָלט טיפער באַגרייפן... מיט פּאַמעלעכע טריט איז יעדער געגאַנגען צו די „באָסעס“, טעקסיס און „קאַרס“. די פון די קיבוצים אַרום זיינען געבליבן ריידן מיט באַקאַנטע, פריינט; די קינדערלעך זיינען געשטאַנען מיט פאָנען אין די הענטלעך, און טראָץ דער שפּעטער שעה זיינען זייערע ליכטיקע אויגעלעך געווען זייער וואַך! זיי האָבן געוויגט די פאָנען אין זייערע הענטלעך, געזונגען און געזאָגט „שלום, שלום“! געבעטן קומען ווידער...

מיר זיינען אַוועק מיטן געפיל, אַז די מענטשן פון קיבוץ „לוחמי הגיטאות“, טראָץ זייער ניט צו לייכט לעבן, טוען זיי אַ גרויסע הייליקע אַרבעט; בויען אַ גרויסן מוזייאום און אינסטיטוט, כדי צו פאַראייביקן אונדזער גרויסן אומקום. אין מוזיי וועלן זיך געפינען אַלע היסטאָרישע מאַטעריאַלן פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן, פון די געטאָס און קרעמאַטאָריעס. זיי זאַמלען אַלע פאַרשריבענע זכרונות פון אונדזער גרויסן חורבן, וואָס זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן אין פאַר־שידענע לאַגערן. דאָ וועלן זיי געפינען זייער מקום מנוחה.

זאָלן זיין געבענטשט די הענט פון די זאַמלער און היטער!

**א. ש. ווייזעל**

# אין ראַנגל מיט מיין האַרץ

איך האַלט אין איין זוכן
וואָס זאָל האָבן אַ זינען;
איך זוך שוין פיל יאָרן
און קען נישט געפינען.

מיר ווילט זיך באַשליסן
מיט מיין גאַנצן ווילן
דאָס זוכן אויפצוגעבן
כדי מיין האַרץ איינשטילן.

און אָט, מיר דוכט זיך,
איך קען דאָס באַווייזן;
מיין ווילן זאָל ווערן
שטאַרקער פון אייזן!

אַ מענטש דאַרף קענען
זיין האַרץ קאָנטראָלירן
כדי צו קענען
זיין לעבן אָנפירן.

איצט בין איך צופרידן
און גליקלעך געוואָרן;
וואָס דאָס וועט מיין ווייטאָג
אַזויפיל פאַרשפאָרן...

נאָר שווער איז צו קעמפן
מיט ווילן און זאַכן..
ווער קען עס פּרובירן
דעם מענטש איבערמאַכן ? . . .

**א. באַבּיטש**

# פּעדער־שפּריצן

(צוזאַמענגענומען פון פאַרשיידענע קוואַלן)

אונדזער יידישע גאַס איז לעצטנס אַזוי פאַרפלייצט מיט פינף־און־זעכציק און זיבעציק יאָריקע יובילייאומס אַז די יינגערע אונטער זיבעציק, שעמען זיך אויסצוזאָגן זייער עלטער...

* * *

וועגן די זיבן פונקטן וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן כדי אָפּצושטעלן די וואָפן פּראָדוקציע, האָבן מיר מורא אַז סע וועט בלייבן בלויז איין פונקט — פונקט . . . פאַרקערט . . .

* * *

איבער צוויי טויזנט פינף הונדערט סטודענטן, פּראָפעסאָרן און געסט, האָבן געהערט דעם ישראל שטאַטסמאַן, בן־גוריון, האַלטן זיין רעפעראַט איבער וויסנשאַפט און עטיק. איז אַדרבא, ווייזט אונדז נאָך אַזאַ שטאַטסמאַן וואָס זאָל מאַכן אַזאַ „דזשאַב"...

* * *

דער „יידישער זשורנאַל", אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, האָט ווידער אָנגעהויבן צו דערשיינען, אונטער דער רעדאַקציע פון גרשון פּאָמעראַנץ. זאָלן מיר אַלע מאַכן אַ ברכה מיט דעם באַנייטן זשורנאַל, זיך אָפּגעבן מזל־טוב.

* * *

איבער אַ מיליאָן ישראל באָנדס איז פאַרקויפט געוואָרן ביים באַנקעט פאַרן גענעראַל משה דיין און עדי קאַנטאָר, אין לאָס אַנגעלעס; אַבי מע האָט טענות צו אונדזערע יידן.

* * *

אין אַ שטאַטישן קליניק האָט אַן עלטערער פּאַציענט, וועמען ס'איז שוין שטאַרק נמאס געוואָרן צו וואַרטן פאַר זיין נעקסט, וואַרטנדיק דורכצוגיין אַן אָפּעראַציע, האָט געזאָגט צו זיין שכן: עס ווייזט אויס אַז איך וועל שוין דאַרפן שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט . . .

* * *

עס איז אַ סך גרינגער צו זיין אַ בעל צדקה אויף יענעמס חשבון ווי אויפן אייגענעם . . .

* * *

אַ גאַסט פון ישראל האָט דערציילט, אַז די זשורנאַלן און צייטונגען קומען אַלע מאָל אָן פאַרשפּעטיקט. די סיבה איז וואָס די בריוועטרעגער נעמען די זשור- נאַלן צו זיך אַהיים אויף איבערצולייענען; דערפאַר איז דער געווינס גרויס דערמיט, וואָס זיי לאָזן וויסן די סובסקרייבער אַז די און די אַרטיקלען זאָלן זי ניט דורכלאָזן...

* * *

די קאַנדידאַטן וואָס לויפן אין די פּריימעריס האַלטן אין איין דערלאַנג די הענט צו דעם פּובליקום; אַמאָל איז דער עיקר געווען חכמת הראש, היינ איז דער עיקר — חכמת היד...

* * *

אַ נייער דירעקטאָר וואָס האָט אָנגענומען אַ קהלישע שטעלע, האָט אָנגעזאָג אַז 3 קאָמפּאַניס יאָגן זיך נאָך אים: די עלעקטריק, טעלעפאָן און גאַז קאָמפּאַני

# דערהאַלטענע ביכער און זשורנאַלן אין דער רעדאַקציע

בעריש ווײַנשטײן: „אין דוד המלכס גיטער", פּאָעמע. אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג י. ל. פּרץ ביבליאָטעק, תל-אביב, 1960. 225 ז"ז. צו באַקומען ביים מחבר און ציק"א פאַרלאַג.

* * *

מ. קראַוועץ: „דער לעצטער חלום" — דערציילונגען. אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „זיין", ניו-יאָרק, 1960. 174 ז"ז.

* * *

מאיר זימל טקאַטש: „בלעטער-פאַל". דאָס בוך ענטהאַלט 99 לידער, צוויישן זיי צוויי סאָנעטן-קראַנצן. מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צום ציק"א אָדער צום מחבר, 132 וועסט 78טע גאַס, ניו-יאָרק.

* * *

אַשר פּען: „אידישקייט אין אַמעריקע." אַ גרויס פונדאַמענטאַל ווערק פון קנאַפּע 800 זייטן. באַהאַנדלט אויספירלעך פּראָבלעמען פון יידיש לעבן אין אַמעריקע. אַרויסגעגעבן פון ביבליאָטעק: יידישקייט אין אַמעריקע. צו באַקומען ביים מחבר, אַשר פּען, 50 מאַנהעטן עוו. ניויאָרק 25.

* * *

הינדע זאַרעצקי: „דער פּערטער ניגון" — לידער. פאַרלאַג „מרדכי לייב", 256 ז"ז. מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צו ציק"א ביכער צענטראַלע אָדער צו מילי נעלסאָן, 811 קראָטאָנאַ פּאַרק נאָרט, בראָנקס 60, נ. י.

* * *

לוי גאָלדבערג: „פּירות אויף מיין בוים" — לידער. פאַרלאַג „פעדער", נ. י. 1959. שערבלאַט געצייכנט פון לואי מאַרקאָוויטש. צו באַקומען ביים מחבר, 3051 אָושען עוו. ברוקלין 35, נ. י. (זע זיין ליד אין דעם נומער.—רעד.)

* * *

יאָסל קאָהן: „ביים ראַנד פון אָנהויב". קריטישע עסייען. שער-בלאַט און אותיות געצייכנט פון הערשל דאַניעלעוויטש. פּרעכטיק שיין אַרויסגעגעבן פון יאָסל קאָהן בוך-קאָמיטעט. ניו-יאָרק 1960 — 384 זייטן. צו באַקומען ביים מחבר, 264 איסט בראָדוויי, ניו-יאָרק. (זעט רעצענזיע אין דעם נומער.—רעד.)

* * *

חנה בושעל-סאָלאָוו: „לידער און אָפּשאַצונגען." מיט אַ נאָכוואָרט פון י. בירנבוים. אַרויסגעגעבן פון בענדזשאַמין סאָלאָוו, האָליוואוד, קאַליפ. געדרוקט אין בוענאָס איירעס.

* * *

משה ווייסמאַן: „אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע" (זכרונות). פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל-אביב 1960.

* * *

ישראל עמיאָט'ס ניי בוך: „דער בירא-בידזשאַנער ענין" — זיינע איבערלעבונגען אין סאָוועטישע תּפיסות און לאַגערן — איז נאָר וואָס דערשינען אין ציק"א פאַרלאַג. דאָס בוך האָט אויך אַ פיינעם פּראָפיל פון מחבר, געשריבן פון מלך ראַוויטש. (זע זיינע לידער אין דעם נומ.—רעד.)

* * *

יחזקאל בראָנשטיין: „אינאיינעם און באַזונדער" (עסייען). אַרויסגעגעבער: פאַרלאַג י. ל. פּרץ ביבליאָטעק, תל-אביב, ישראל, 1960, 276 ז"ז. אינהאַלט: א) אין שפּאַן פון ליד — 13 עסייען; ב) אין לאַנד פון די אָבות — 4 עסייען; ג) צווישן יאָ און ניין — 6 עסייען; ד) אין דער מלוכה פון וואָרט — 10 עסייען; ה) פּראָזע — 4 עסייען. צום סוף פון בוך — 28 לידער, פראַגמענטן פון אַ בוך, א.נ.: לידער צו דעם דיכטער ה. לייוויק.

* * *

---

שיקט אַריין אייער אַבאָנענטן אָפּצאָל.
וואַרט נישט אויף נאָך דערמאָנונגען. שפּאָרט אונדז אומזיסטיקע הוצאות.

וויליאם נאַטאַנסאָן: „קולטור קוואַלן" (פילאָסאָפיש ליטעראַרישע עסייען) פאַרלאַג „יידבוך", בוענאָס איירעס, אַרגענטינע, 1959 — 350 ז"ז. (זע אָפּהאַנדלונג אין לעצטן נומער פון ד"ר חיים ראַטבלאַט.—רעד.).

* * *

משה פריד: „כּאַווער לייבקע" (נאָוועלע) מיט אַ פאַרוואָרט פון מחבר. צייכענונג פון מ. פּאַריז, אַרויסגעגעבן פון מחבר, פּעטערסאָן, ניו־דזשוירזי, 1960.

* * *

שמריהו נעמיראָווסקי: „מיינע זכרונות" (דערציילונגען), צווייטער באַנד, אַרויסגעגעבן פון מחבר, 1960, פּאַריז, 160 ז"ז.

* * *

שרה דאַווידאָוויטש: „דאָס געוויטער פון בלוט און טרערן"—דראַמע אין 4 אַקטן. בוענאָס איירעס, 1960. 106 ז"ז.

* * *

פּינטשע בערמאַן: „אָפענע פענצטער" (לידער) פאַרלאַג י. ל. פרץ ביבליאָטעק, תל־אביב, ישראל, 1960. אַרויסגעגעבן פון פּינטשע בערמאַן בוך קאָמיטעט, לאָס אַנגעלעס, 180 ז"ז. צו באַקומען ביים מחבר: פּינטשע בערמאַן, 7045 רענטשיטאַ עוו., וואַן נאַיס, קאַליפ., אָדער אין רעדאַקציע פון „חשבון".

* * *

שמואל דן: „אין לאַסט פון טעג", לידער און פּאָעמען, איקוף פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1959. 143 ז"ז.

* * *

## זשורנאַלן און צייטשריפטן

ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, „אויפסניי", „אויפן שוועל", „זיין", קינדער צייטונג, ניו־יאָרק; „פריילאַנד", פּאַריז; דער שפּיגל, שריפטן, „אַרגענטינער ביימעלעך", „דאָס פרייע וואָרט" בוענאָס איירעס; „די שטימע", „דער וועג", מעקסיקאַנער בלעטער — מעקסיקע; „היימיש", „בליצן"—ישראל; יום־טוב בלעטער, יאָהאַנעסבורג, סאוט אַפריקע.

# חברישע גרוסן:

חשובער פריינד י. פרידלאַנד, שלום!

אַ דאַנק פאַר שיקן מיר די נומערן „חשבון" אויפן נייעם יאָר, הבא עלינו לטובה. אַ יישר־כּוח אייך פאַרן אופן ווי דער זשורנאַל איז רעדאַגירט, פאַרן עסטעטישן און קערנדיקן תּוכן. אַגב ווינטש איך אייך פּערזענלעך און אַלע אייערע מקורבים, פריינד און קאָלעגן —

אַריכת ימים ושנת ברכה וכל טוב.

אייער—

אבא קליגער

ברוקלין, ניו־יאָרק

* * *

## אַ גרוס פון נח גאָלדבערג

מיין ליבער קאָלעגע י. פרידלאַנד:

אַ שיינעם דאַנק דיר פאַר דיין וואַרעמען און אינפאָרמאַטיוון בריוו. כ'טרעף זיך דאָ אָפט מיט מרדכי יאַפע, ראַזע נעוואָדאָווסקא, לוי גאָלדבערג, משה וויטיעס, יאָסל קאָהן, ל. פיינבערג און יעקב גלאַטשטיין. זיי אַלע זאָגן מיר אַז דער „חשבון" איז זיי שטאַרק געפעלן און — אַז דו ביסט אַ גוטער רעדאַקטאָר. דער „חשבון" קלינגט אָפּ פון פּאַסיפיק ביזן אַטלאַנטיק! זאָלן דיר דינען דיינע הענט.

דיין נח גאָלדבערג

וועדט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט פון דעם זשורנאַל „חשבון"

# 34 יאָריקער יובל

פון

# לאָס אנגעלעסער ײדישער קולטור קלוב

„אַ קולטור-הויז פאַרן ײדישן מענטשן אין אַ ײדישער סביבה"

געגרינדעט אין דעם יאָר 1926

4213 מאָנראָו גאַס

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

תשרי, ה׳תש״ך — סעפטעמבער, 1960

## LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

(Organized in 1926)

4213 MONROE STREET • LOS ANGELES 29, CALIF

NOrmandy 4-9325

# באַאַמטע און אַדמיניסטראַציע פון ל.א. יידישן קולטור קלוב
## פון דעם יאָר 1959-1960

פרעזידענט:
**י. פרידלאַנד**

וויצע־פרעזידענטן:
**פּינטשע בערמאַן**
**תנחום ברייס**
**אייב שוואַרץ**
**חנה לערנער**

פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר:
**אַלעק קאַמינקער**

קאַסירער:
**מאָריס ווינאַרסקי**

הויז פאַרוואַלטער:
**שלמה און צילע צוקערמאַן**

בריוו פאַרוואַלטער:
**פיליפּ לערנער**

אויפנאַם קאָמיטע:
**מיני שוואַרץ**
**צילִיע צוקערמאַן**
**ליובע ברייגין**
**סאָפיע קראָל**
**אַניוטאַ קאַפּעלאָף**
**גאָלדע אַרפין**

פינאַנץ סעקרעטאַר:
**משה לייב קאַפּעלאָף**

פּראָגראַם דירעקטאָר:
**יעקב ניומאַן**

ביבליאָטעקאַר און
סעקרעטאַר פון עקזעקוטיוו:
**נתן אזאַלין**

פּובליסיטי:
**י. טילעס**
**מאָריס סילבערט**

ענגליש פּובליסיטי:
**אהרן אייעראָף**

בינע פאַרוואַלטערס:
**שלמה צוקערמאַן**
**אייב שוואַרץ**

אַקטיוו קאָמיטעט:
**חבר ש. ברייגין**
**חבר און חברה ס. לעווין**
**חבר און חברה יוסף וויינמאַן**
**אַברהם באַביטש**
**חבר און חברה חיים דאַרנאָ**
**חבר און חברה ל. זעלמאַן**
**מוסי פרידלאַנד**

---

## אינהאַלט פון קולטור קלוב אָפּטיילונג:

פיר־און־דרייסיק יאָריקער יובל פון ל. א. יידישן קולטור קלוב.
רשימה פון ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת־צו־נאַכטסן, פון 34סטן זמן.
אונדזער יעקב ניומאַן — אַ בן שישים; צום 60 יאָריקן יובל פון יעקב ניומאַן.
אונדזערע פאַרדינסטפולע טוער.
בען צוקערמאַן צו זיין 75 יאָריקן געבוירנטאָג.
באַגריסונגס אַרטיקלען צו בען צוקערמאַנס יובל.
דאָס יידנטום און אונדזער תקופה — פון בען צוקערמאַן.
פון ווערטער צו מעשים — פון מ. פּאָגאָרעלסקי
נעקראָלאָגן, באַריכטן און באַגריסונגען.

# פיר-און-דרייסיק יאָריקער יובל פון ל.א. יידישן קולטור קלוב

מיט דעם היינטיקן ראש־השנה תשכ״א, איז געוואָרן פיר־און־דרייסיק יאָר זינט דער קולטור־קלוב האָט זיך געגרינדעט. אַוודאי איז גרינג אויסצורײדן פיר־און־דרייסיק יאָר! טראַכט מען זיך אָבער ערנסט אַרײַן וואָס עס מיינט פיר־און־דרייסיק יאָר אַחריות׳פולע קולטור טעטיקייט פון אַ זעלבסטשטענדיקער אָרגאַניזאַציע ווי דער קולטור קלוב, קען מען דאַן פאַרשטיין מיט וויפיל אידעאַליזם, איבערגעבנקייט און ראַנגלענישן פאַרן קיום עס איז געווען פאַרבונדן, דורכצוטראָגן אָט־די פיר און דרייסיק יאָר פון דעם קלובס גלאָרייכער עקזיסטענץ.

רעטראָספּעקטיוו זעען מיר, אַז במשך די 34 יאָר פון אונדזער אַקטיוויטעט דאָ אין שטאָט, האָבן מיר אויסגעפילט אַ באַשטימטן חלל אין היגן קולטור־לעבן. כ׳מיין, וואָלט נישט געווען דאָ אַ יידישער קולטור־קלוב פון דעם מין קאַטעגאָריע, וואָלט מען אַזעלכן זיכער געדאַרפט באַשאַפן. אונדזער לאַנג־יאָריקער לעבן און ווירקן איז דער בעסטער באַווייז פאַר דעם. מעשים זיינען שטאַרקער פון ווער־ טער: די אַרבעט וואָס דער קולטור קלוב טוט, וואָך איין וואָך אויס, פאַר די אַלע יאָרן און מיט אַ היפּשן דערפאָלג, האָט שוין אַלעמען איבערצייגט די וויכטיקע ראָל וואָס דער קלוב פאַרנעמט אין היגן יידיש־יידישן קולטור סעקטאָר.

דער יידישער קולטור קלוב איז, ראשית כל, אין זיין איינשטעל, אַן איבער־ פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע לעבט נישט אין דעם זכות פון אַ נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט, אַ פּאַרטיי אָדער אָרדן, און נעמט ניט, פאַרשטייט זיך, קיין פּאַר־ טיקע באַשלוסן פון אויבן, פון ערגעץ אַ צענטער אין ניו־יאָרק. און ווייל אונדזער פירערשאַפט איז פריי צו האַנדלען זעלבסטשטענדיק, האָט טאַקע דער קלוב דעריבער מצליח געווען אויף דעם קולטור־געביט הן אין איכות והן אין כמות.

ווען דער קולטור קלוב האָט געקענט דערווייזן, אַז יעדן שבת־צונאַכטס זאָל אונטער דעם דאַך פון אונדזער אייגענעם בנין, זיך צוזאַמענקומען אַ ליבער אינ־ טעליגענטער עולם פון צוויי ביז דריי הונדערט יידן, אין אַ ריין יידישער סביבה און יידישער אַטמאָספערע, און זאַפּן אין זיך איין דאָס בעסטע פון אונדזער יידי־ שער ליטעראַטור, יידיש געזאַנג און אַלץ וואָס לעבט און אָטעמט מיט יידישער שעפערישקייט — איז עס זיכער אַ מדרגה און אַ דערגרייכונג.

נאָך אַן אַספּעקט וואָס איז ווערט צו געדענקען: אַז דער יידישער קולטור קלוב איז געבליבן געטריי צו זיינע קולטור אַספּיראַציעס און פּרינציפּן און האָט אויף אַ האָר נישט געמאַכט קיין קאָמפּראָמיסן אויפן חשבון פון יידיש לשון און יידישע קולטור. די מיטגלידער, וואָס קומען צו אונדז יעדן שבת־צונאַכטס און אַנדערע אָוונטן, באַטראַכטן דעם קולטור קלוב ווי זייער יידיש גייסטיקע היים; פּונקט ווי אַ פרומער ייד זיין בית־המדרש.

מען רעדט ביי אונדז אין די יידישע קרייזן מכוח דער וויכטיקייט פון פאַר־ שפּרייטן דאָס יידיש בוך; לעת־עתה איז דער קלוב די איינציקע קולטור אָרגאַני־ זאַציע דאָ אין שטאָט, וואָס אָפּערירט מיט אַ ביז גאָר היפּשער צירקולירנדיקע יידישע ביבליאָטעק, וואָס שאַפט איין יעדן יאָר די נייעסטע דערשינענע ביכער און גיט אַרויס די ביכער צום לייענען צו אירע מיטגלידער און געסט. אויך דאָס זיינען מעשים, ניט סתם קיין ווערטער...

אויך דאָס אַרויסגעבן דעם זשורנאַל „חשבון“ איז נישט קיין קלענערער אויפטו פון קולטור קלוב. דער זשורנאַל האָט זיך שוין געשאַפן אַן אָנגעזעענעם נאָמען אין דער ליטעראַרישער וועלט, סיי אין אויסזען און סיי אין תוכן. מיט דעם אָנטייל פון אַזעלכע באַרימטע דיכטער, וואָס פון צייט צו צייט באַטייליקן זיי זיך מיט זייערע אָריגינעלע שאַפונגען, ווי: ה. לייוויק, חיים גראַדע, מלך ראַוויטש, ל. פיינבערג, בעריש ווייַנשטיין, אַלף כץ, אַבא קליגער און אַנדערע, איז דער זשורנאַל אַריבער די גרעניצן פון לאָקאַליזם. „חשבון“ ווערט פאַנאַנדערגעשיקט אין אַלע יידישע ישובים, ביבליאָטעקן און אַ גרויסע צאָל אין ישראל. דער אָפּרוף פון דער פרעסע, פון שרייבער און דיכטער, איז זייער אַ וואַרעמער און אַ לויבנסווערטער. מיר האַלטן שוין ב״הביים 23טן נומער. אַוודאי זייַנען מיר שטאָלץ וואָס מיר ברענגען דער יידישער לאָס אַנגעלעס אַלע דריי חדשים אַ שריפט אויף יידיש, וואָס דאָ אין שטאָט איז עס דאָס איינציקע פון דעם מין.

דער 34טער יובל פון קולטור קלוב, וואָס מיר פייערן איצט, האָט צו פאַרצייכענען דאָס יאָר, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, דורכגעפירטע 36 ליטעראַריש־קינסטלערישע שבת־צונאַכטסן, אונטער דער פעאיקער דירעקציע פון חבר יעקב ניומאַן; און 26 קולטורעלע מאַנטיקן, מיט לעקציעס און שמועסן, אונטער דער פאַרוואַלטונג פון אונדזער ליבן חבר, תנחום ברייס; אונדזער ביבליאָטעקאַר, חבר נתן אזאַלין, האָט ווי תמיד, אויך דעם יאָר, אונטער זיין השגחה, אָפּגעהיט אונדזער רייכע ביבליאָטעק; אונדזער ליבער חבר, מ. ל. קאָפּעלאָף, דער אומפאַרמאַטערלעכער פינאַנץ־סעקרעטאַר, זאָל ער אונדז נאָר געזונט זיין, האָט מיט זיין אומבאַגרעניצטער ליבע צום קלוב, ווי תמיד, געזאָרגט מיר זאָלן חלילה פינאַנציעל ניט בלייבן הינטערשטעליק. די הויז־פאַרוואַלטונג, פון אונדזערע געטרייע, איבערגעגעבענע חברים, צילי און שלמה צוקערמאַן, האָבן, ווי תמיד, דורכגעפירט זייער פונקציע בשלימות. די בריוו־פאַרוואַלטער, די חברים עני און פייוול לערנער, האָבן זייער אַחריות׳פולע אַרבעט דורכגעפירט זייער פינקטלעך. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן די חברים אַקטיווע טוער ביי דער פאַרוואַלטונג פון קולטור־קלוב, אונדזער פראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, א. קאַמינקער, חבר און חברה מיני שוואַרץ, יוסף ווייַנמאַן, מאָריס און שרה ווינאַרסקי, יוסף שפּיגלמאַן, מאָריס און מאַני פאַרבער; די חברות: קאָפּעלאָף, פרידלאַנד און דאַרנאָ; חבר פיעלד און אַ צאָל אַנדערע חברים, וואָס שטעלן צוזאַמען דעם אָנפירנדיקן אַפּאַראַט פון יידישן קולטור קלוב; און אַלע חברים און חברות, מיטגלידער און הונדערטער געסט, וועלכע האָבן מיט זייער וואַרעמער התלהבות פאַר אונדזער אַרבעט מעגלעך געמאַכט דעם אויפהאַלט און לעבן פון אונדזער וויכטיקער קולטור אינסטיטוציע — לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב.

י. פרידלאַנד, פרעזידענט

## פריינט און לייענער פון „חשבון“:

טוט אייער קולטור חוב! קומט ניט אָפּ נאָר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש אַז ס׳איז זייער נויטיק דאָ אַ שריפט אין יידיש—באַווייזט עס מיט מעשים. ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט פון דעם זשורנאַל „חשבון“.

# רשימה פון ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת־צו־נאַכטסן פון 34־טן זמן 1959-60, פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

—— 1959 ——

א) אין דעם ראש־השנה יום־טוב אָוונט, שבת, דעם 3טן אָקטאָבער, האָבן זיך באַטייליקט: פּינטשע בערמאַן, מאַטעס דייטש, חיים אָסטראָווסקי, יעקב ניומאַן, הענעך נוסבאַום, אידיט ניומאַן, פּערל פּעדער—מיט פאָרלייענונגען פון אונדזער ליטעראַטור; י. פרידלאַנד—אַריינפיר־וואָרט צום יום־טוב; שענאַן געלסאָן—מיט פּיאַנאָ קאָמפּאָזיציעס.

ב) שבת אָוונט, אָקטאָבער 17: אָפיציעלע דערעפענונג פון דעם 34טן זמן פון קולטור קלוב. באַטייליקטע: טאַשא זיידל, באַרימטער פידל ווירטואָז; שענאַן געלסאָן, פּיאַנאָ; יעקב ניומאַן, פאָרלייענונג; שלמה האָכבערג, באַ־גריסונג צום 4״טן זמן; י. פרידלאַנד, פאָרזיצער.

ג) שבת, אָקטאָבער 24 — אַ יוסף אָפּאַטאָשו געדענק־אָוונט. שמואל סיגל האָט רעפערירט וועגן יוסף אָפּאַטאָשוס שאַפונגען; יעקב ניומאַן—מיט פאָר־לייענונגען.

ד) שבת, אָקטאָבער 13: וואַלן פאַר באַאַמטע און אַקטיוו פון קולטור קלוב.

ה) שבת אָוו., נאָוועמבער 7: קבלת־פּנים לכבוד דער דערשיינונג פון מאַטעס דייטש'ס נייעם בוך „צום נאָענטסטן שטערן—יידיש.״ באַטייליקטע: זלמן זילבערצווייג, חיים אָסטראָווסקי, יעקב ניומאַן, פּינטשע בערמאַן, י. פריד־לאַנד, און דער מחבר מיט אַ שלום־וואָרט.

ו) שבת אָוו., נאָוועמבער 14: סימפּאָזיום איבער דעם מצב פון יידישער דער־ציאונג. באַטייליקטע: שמואל סיגל, ד״ר דוד ברידזשער, י. פרידלאַנד; יעקב ניומאַן, פאָרזיצער.

ז) שבת, נאָוועמבער 21: יעקב גאָרדין געדענק־אָוונט. זלמן זילבערצווייג מיט אַ צאָל שוישפּילער אין גאָרדינס „מירעלע אפרת״ און רעפעראַט וועגן יידישער דראַמאַטורגיע.

ח) שבת אָוו., נאָוו. 28: חודש פאַר דעם יידישן בוך. באַטייליקטע: ל. מאַר־לאָוו, מיט יידיש פאָלקס־געזאַנג; הערי לאַנג, וועגן באַרימטן יידישן קריטי־קער, בעל מחשבות; אַלעקס קאַמינקער האָט אָנגעפירט מיט געזאַנג בציבור.

ט) שבת אָוו., דעצעמבער 5: געזאַנג־קאָנצערט, מיט דעם באַרימטן מנגן בערעלע קעלעמער; נאַראַציע, יעקב ניומאַן; מוזיק, קעלעמער. אַ פילם פון ישראל: „איזראַעל אַדווענטשור.״

י) שבת אָוו. דעצעמבער 12: רעפעראַט פון רבי ווײַנשטיין וועגן יידישן הומאָר.

יא) שבת, דעצעמבער 19: טעאַטער און שוישפּיל אָוונט לכבוד דער דערשיי־נונג פון זלמן זילבערצווייגס „טעאַטער לעקסיקאָן.״ באַטייליקטע: זלמן

זילבערצווייג, אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו, זלמן לעהרער, ציליע סילווער; דזשאַ־
פּעיר, זינגער; שענאַן געלסאַן, פּיאַנאָ.

יב) שבת, דעצעמבער 26: חנוכה־פייערונג. באַטייליקטע: חזן נתן קאַצמאַן, מאַטעס דייטש, חיים אַסטראָווסקי, יהושע אַלקאַן ע"ה, פּינטשע בערמאַן, י. פרידלאַנד, יעקב ניומאַן, משה מאַנדלוים, פּערל פעדער, אידיט ניומאַן.

— 1960 —

יג) שבת אָוונט, דעם 9טן יאַנואַר: אָוונט פון קלאַסישער דיכטונג, צום 100־סטן געבוירנטאָג פון שמעון פרוג און 25טן יאָרצייט פון חיים נחמן ביאַליק. באַטייליקטע: רבי חדש, רעפעראַנט איבער פרוג און ביאַליק; יעקב ניומאַן, שמואל סיגל; צביה ליבערמאַן (פון א. ר. שול) מיט פאָרלייענונגען.

יד) שבת, יאַנואַר 16: מוזיקאַליש־כאָראַלער אָוונט, אונטער דער דירעקציע פון מאָריס בראַודע און זיין כאָר, מיט פאָלקס־לידער.

טו) שבת, יאַנואַר 23: שמעון דובנאָוו קולטור־היסטאָרישער אָוונט. רעפעראַט פון משה מאַנדלמאַן, שליח פון קולטור קאָנגרעס, וועגן ש. דובנאָוו.

טז) שבת, יאַנואַר 30: אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פון וויליאַם נאַטאַנסאָנס נייעם בוך: „קולטור־קוואַלן". באַטייליקטע: דר חיים ראַטבלאַט, רעפעראַט וועגן „קולטור־קוואַלן" און זיין פילאָזאָפישן ווערט; מאַטעס דייטש און י. פרידלאַנד, מיט פאָרטראַגן וועגן נאַטאַנסאָנען; יואל גערסאַן, געזאַנג; בערטאַ גערסאַן, פּיאַנאָ.

יז) שבת, פעברואַר 26: דוד פּינסקי געדענק־אָוונט. רעפעראַט פון יעקב קאַץ, גאַסט פון שיקאַגאָ; חיים אַסטראָווסקי, פאָרלייענונג פון פּינסקי.

יח) שבת אָוו., פעברואַר 13: ד"ר חיים ראַטבלאַט מיט אַ רעפעראַט וועגן „די גרונט־פּרינציפּן פון תנכישער פילאָזאָפיע." משה שולוויז, פאָרלייענונג

יט) שבת, פעברואַר 20: דערעפענונג פון „חודש פאַר יידישער מוזיק." שמואל קעלעמער, געזאַנג; ש. גורעצקי, רעפעראַט וועגן יידישער מוזיק. מיט גורעצקי אילוסטרירט יידישע קאָמפּאָזיציעס מיט פּיאַנאָ באַגלייטונג.

כ) שבת, פעברואַר 27: רעפעראַט און דיסקוסיע פון ס. גוטקעוויטש, אויף דער טעמע: „יידן און יידישקייט אין דער ניט־יידישער וועלט." שענאַן געלסאַן מיט יידישע פּיאַנאָ קאָמפּאָזיציעס.

כא) שבת, מערץ 5: פּראָפ. משה ליבמאַן מיט אַ רעפעראַט: „ד"ר הערצל און זיין דור"—צו זיין 100 יאָריקן געבוירנטאָג.

כב) שבת, מערץ 12: פּורים יום־טוב. באַטייליקטע מיט קאָלעקטיווער לייענונג און פאָרלייענונגען. יהושע אַלקאַן ע"ה, מאַטעס דייטש, פּינטשע בערמאַן, חיים אַסטראָווסקי, סילוויע פעלנער, שמואל סיגעל, י. פרידלאַנד, בּ צוקערמאַן, אידיט ניומאַן, יעקב ניומאַן.

כג) שבת, מערץ 19: ליטעראַטור אָוונט לטובת דעם ייִוו"א און צאתכם לשלום פאַר די ברייניגס צו זייער אָפּפאָר קיין ישראל. באַטייליקטע: רבי בער-נאַרד קאָהן, אברהם זיגלבוים; אַ וואָרט וועגן ייִוו"א פון פאָרזיצער, י. פרידלאַנד.

כד) שבת, מערץ 26: ד"ר חיים זשיטלאָווסקי געדענק-אָוונט: רעפעראַט מיט חבר ש. גובקין: „ד"ר חיים זשיטלאָווסקי און 50 יאָר שול-וועזן אין אַמע-ריקע." לעאָן פילד, פידל-קינסטלער; שענאַן געלסאָן, פּיאַנאָ.

כה) שבת, אַפּריל 2: י. ל. פּרץ ליטעראַטור און קונסט אָוונט. ישראל גובקין מיט אַ רעפעראַט וועגן: „דאָס אייביקע אין י. ל. פּרץ." יעקב ניומאַן מיט אַ פאָרלייענונג פון פּרצן; י. פרידלאַנד, פאָרזיצער, מיט אַ פראַגמענט פון פּרצעס „האָפענונג און שרעק."

כו) שבת, 9: ד"ר קאַרל שוגער, רעפעראַט: „וועלכע חולאתן מ'גייט צום פסי-כיאַטאָר." אַרטיסט אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו, אין צוויי טעאַטער סצענעס: 1) „די סדר-נאַכט"; 2) „מאיר און שניאור", פון שלום עליכם.

כז) שבת, אַפּריל 16: יערלעכע פייערונג פון פסח יום-טוב. באַטייליקטע מיט פאָרלייענונגען: חיים אַסטראָווסקי, יעקב ניומאַן, מאַטעס דייטש, פּינטשע בערמאַן, י. פרידלאַנד, בען צוקערמאַן, פּערל פעדער, אידיט ניומאַן, הענעך נוסבאַום; אַ. קאַמינקער, געזאַנג; שענאַן געלסאַן, פּיאַנאָ.

כח) שבת, אַפּריל 23: וואַרשעווער געטאָ יזכור אָוונט. באַטייליקטע: חזן נתן קאַצמאַן, בעל-מנגן, מיט פאַסיקע געטאָ-לידער; יצחק ריסקין, פּיאַנאָ; יעקב ניומאַן, פאָרלייענונגען. ספּעציעלע מנורה מיט זעקס ליכט אין אָנ-דענק פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע.

כט) שבת, אַפּריל 30: יום-טובדיקע יערלעכע פאַרזאַמלונג לכבוד דער דערע-פענונג פון דער יערלעכער אַקציע לטובת דעם קולטור קלוב. שמועסן וועגן קלוב און קולטור ענינים; געזאַנג און פאָרלייענונג.

ל) שבת, מאַי 7: ישראל אָוונט לכבוד דעם יום העצמאות. דער חשובער גאַסט פון ניו-יאָרק, אשר פען, האָט רעפערירט וועגן דעם געבורט פון ישראל און די יו-ען. יעקב ניומאַן האָט געלייענט די ישראל דעקלאַראַציע. אַ נייער פילם פון ישראל איז געוויזן געוואָרן.

לא) שבת, מאַי 14: יערלעכער שלום עליכם אָוונט, אונטערן צייכן פון 100 יאָריקן ש"ע יאָר. פּראָפ' משה ליבמאַן: רעפעראַט וועגן „דאָס ספּעציפישע אין שלום עליכם הומאָר."

לב) שבת, מאַי 21: אַ רעפעראַט מיט נתן גאַרעוויטש. טעמע: „ווער זיינען די פירער פון דער וועלט ביי היינטיקן טאָג?"

לג) שבת, מאַי 28: ה. רויזענבלאַט און ש. מילער הזכרה אָוונט. אנטיילנעמער: הערי לאַנג, וועגן ה. רויזענבלאַט; זלמן זילבערצווייג, וועגן ש. מילער;

משה מאַנדעלבוים, מיט אַ לייענונג פון מילערס שאַפונגען; יצחק רויטבלום, פאַרלייענונג פון רויזענבלאַטס לידער; פייגעלע פאַניטש, געזאַנג פון רויזענ־בלאַטס לידער; י. פרידלאַנד, פאַרזיצער, מיט אַן אַריינפיר וועגן די צוויי באַרימטע שריפטשטעלער און זייער חשוב אַרט אין היגן קולטור־לעבן.

לד) שבת, יוני 4: פייערלעכער אָוונט לכבוד דעם 60 יאָריקן געבוירנטאָג פון יעקב ניומאַן, פּראָגראַם דירעקטאָר פון קולטור קלוב. באַטייליקטע: די ניומאַנס גראַטענע טעכטער: נעמי ניומאַן, געזאַנג, און שולמית, פּיאַנאָ. דזשאַשאַ דאַטסקי, פידל־קינסטלער; שעגאַן געלסאַן, פּיאַנאָ. באַגריסונגען: זלמן זילבערצווייג, הערי לאַנג, שלמה האָכבערג, שמואל סיגאַל, משה לייב קאַפּעלאָוו — פון קולטור־קלוב; י. פרידלאַנד, פאַרזיצער. טעלעגראַמעס פון היגע און מחוץ ל.א. אידיט ניומאַן, פּרוי פונם בעל־היובל און דער בעל־שמחה — מיט אַ דאַנק און שלוס־וואָרט. באמת אַ גרויסער פייערלעכער אָוונט פאַר אַ פאַרדינסטפולן קולטור־עסקן און קינסטלער.

להּ) שבת, יוני 11: אָוונט לכבוד יעקב זינגערס דראַמאַטישע שריפטן. באַטיי־ליקטע: פייגעלע פאַניטש, חיים אָסטראָווסקי, הערי לאַנג; פּינטשע בערמאַן, פאַרזיצער, און דער מחבר, יעקב זינגער.

לו) שבת, יוני 18: אָפּשלוס פון 34סטן זמן פון ל.א. קולטור קלוב. באַטיי־ליקטע: ס. בוטקעוויטש, מיט אַ באַגריסונג וועגן קלובס טעטיקייטן; דזשאַ־שאַ דאַטסקאָ, פידל־קינסטלער; שעגאַן געלסאַן, פּיאַניסט; דזשאָזעף פּייער, אָפּערע און פאָלקס־לידער; יעקב ניומאַן, פאַרלייענונגען. י. פרידלאַנד, פאַרזיצער, מיט אַ וואָרט וועגן 34 יאָר אומאונטערבראָכענע קולטור אַרבעט.

## רשימה פון קולטורעלע מאָנטיקן פון 34־סטן זמן — 1969-60

## —— 1959 ——

די דערעפענונג פון די קולטורעלע מאָנטיקן מיט אַ סעריע פון 4 לעקציע[ס] פון דעם באַקאַנטן פּעדאַגאָג שמואל סיגאַל. טעמע: „אַן עקסקורסיע אין דע[ר] יידישער געשיכטע.״ א) מאָנטיק, דעם 26טן אָקטאָבער; ב) מאָנטיק, דעם 2ט[ן] נאָוועמבער; ג) מאָנטיק, דעם 9טן נאָוועמבער; ד) מאָנטיק דעם 24טן נאָוועמבע[ר]

ה) מאָנטיק, נאָוו. 16: אַ קבלת־פּנים פאַר די חברים: גאָסי און אהרן אייערא[...] צו זייער צוריקקער פון ישראל, מיט זייער לעבעדיקע גרוסן פון ישרא[ל]

ו) מאָנטיק, נאָוו. 30, האָט חבר י. פרידלאַנד גערעדט אויף דער טעמ[ע] „בן־גוריון און דער פּאָליטישער באַוואוסטזיין פון מדינת ישראל.״

ז) מאָנטיק, דעצעמבער 7, האָט חברה ווייסמאַן גערעדט וועגן מ. קליינס ב[...] „דהי סעקאָנד סקראָל.״

ח) מאָנטיק, דעצעמבער 14, האָט חבר בען צוקערמאַן רעפערירט איבער ד[...] טעמע: „די טראַגעדיע שלום אַש.״

ט) מאָנטיק, דעצעמבער 21, האָט פּינטשע בערמאַן גערעדט אויף דער טעמ[ע] „ליכטיקע לשמות פון קיינעם ניט באַווינט, פון קיינעם ניט באַזונג[ען]״

— 1960 —

י) מאָנטיק, יאַנואַר 11, האָט רעפּערירט לילקע מייזנער וועגן פּאָעט מנחם באָריישא ע״ה.

יא) מאָנטיק, יאַנואַר 18, האָט נ. גאָרעוויטש גערעדט וועגן „די וויכטיקע פּאַסירונגען אין דער יידישער וועלט אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר 1959.

יב) מאָנטיק, יאַנואַר 25, האָט חבר נ. אזאָלין געהאַלטן אַ שמועס וועגן ישעיהו הנביא און דאָס בוך ישעיה."

יג) מאָנטיק, פּעברואַר 15, האָט דוד רעזניק גערעדט וועגן דערפינדונגען און דערפינדער.

יד) מאָנטיק, פעברואַר 22, האָט חבר מאָריס סילבערט גערעדט וועגן ד״ר חיים ווייצמאַן ע״ה.

טו) מאָנטיק, פּעברואַר 29, האָט חבר פּאַגאָרעלסקי גערעדט וועגן יאַנאָסעווי־טשעס בוך: „יידישע שרייבער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד."

טז) מאָנטיק, מערץ 7, האָט לילקע מייזנער רעפּערירט וועגן אַלבערט קאַמאַי, דער נאָבל פּרייז געווינער, זיין לעבן און שאַפן.

יז) מאָנטיק, מערץ 21, האָט דער מאָלער, י. ראַשעל, גערעדט וועגן מאָל־קונסט, אילוסטרירט דורך „סלייד"־בילדער.

חי) מאָנטיק, אַפּריל 4: אַ געזעגן־אָוונט מיט די חברים מאַני און מאָריס פּאַרבער, צו זייער אָפּפאָר קיין איראָפּע און ישראל.

יט) מאָנטיק, אַפּריל 18, האָט פּריינט אַריה פּאָזי, גאַסט פון ניו־יאָרק, גערעדט וועגן „רוים און ירושלים."

כ) מאָנטיק אָוונט, אַפּריל 25, האָט חבר בען צוקערמאַן גערעדט וועגן „חיים גריבערג, דער גאָט־זוכער."

כא) מאָנטיק אָוו., מאַי 2, האָט ד״ר ווייסמאַן גערעדט איבער דער טעמע: „צי האָט אַמעריקע פּראָגרעסירט?"

כב) מאָנטיק אָוו., מאַי 9, האָט חבר ש. שייכאַטאָוו גערעדט אויף דער טעמע: „וואָס קענען מיר דערוואַרטן פון דער „סאָמיט" קאָנפערענץ?"

כג) מאָנטיק, מאַי 16, האָט חבר מ. דאַרין גערעדט וועגן ש. ניגער, זיין לעבן און שאַפן.

כד) מאָנטיק, מאַי 23, האָט חבר נ. אזאָלין גערעדט וועגן חיים גרינבערגס „נסים און פּסוקים" אין „יידישער קעמפער", פסח נומער.

כה) מאָנטיק אָוו., יוני 6, האָט חבר י. פרידלאַנד, צום אָפּשלוס פון די קולטורעלע מאָנטיקן פון 34סטן זמן, פאָרגעטראָגן וועגן יוסף רובינשטיינס נייעם בוך „מגילת רוסלאַנד—אין וואָרט און ליד."

כו) מאָנטיק אָוונט, יוני 13: אַן עקזעקוטיוו זיצונג פון קולטור קלוב.

כז) מיטוואָך אָוו., יוני 22: אַ יום־טובדיקע מסיבה פון די אַקטיווע טוער און מיטגלידער פון קולטור קלוב, צום אָפּשלוס פון אַ דערפאָלגרייכן זמן, האָט מען דיסקוטירט קלוב פּראָבלעמען און אָפּשאַצונגען פון די אַקטיווע טוער פון ל. א. יידישן קולטור קלוב.

# אונדזער יעקב ניומאַן — אַ בן שישים

דאָס קולטור־לעבן אין די רוב גרעסערע ישובים פון יידישער אַמעריקע האָט, במשך די יאָרן פון אונדזער איינגעוואָרצלטקייט, אַרויסגעבראַכט אַ צאָל אינטעליגענטע, פעאיק טאַלאַנטירטע קולטור עסקנים; שרייבער, רעדנער, טעַאַטראַלן און וואָרט־קינסטלער, וועלכע האָבן מיט זייער ליבע און איבערגעבנקייט צו יידישע קולטור־ווערטן, אומגעהויער אַ סך צוגעטראָגן צו יידישער גייסטיקייט; קינסטלעריש דערהויבן אונדזער סביבה און באַרייכערט אונדזערע אסיפות. איינער פון דער ניט צו גרויסער צאָל, וועלכער האָט מיט ליבע און איבערגעבנקייט געדינט דאָס יידיש קינסטלערישע וואָרט איז, אונדזער בעל־היובל, יעקב ניומאַן.

במשך אַ דריי צענדליק יאָר, וואָס די ניומאַנס האָבן געלעבט אין דעטראָיט, האָט יעקב אַקטיוו זיך באַטייליקט, קולטור און קינסטלעריש, ביי דעם יידישן שול־וועזן, דראַמאַטישע קרייזן און ביי אַנדערע קולטור אָרגאַניזאַציעס, און איז געוואָרן אַ ביז גאָר וויכטיקער אינטעגראַלער טייל פון דעם יידישן קולטור־לעבן אין דעטראָיט.

אין יאָר 1946, ווען די ניומאַנס האָבן זיך באַזעצט אין לאָס אַנגעלעס, איז ער תיכף געוואָרן אַקטיוו אין די יידישע קולטור אָרגאַניזאַציעס, סיי מיט אַקטאָרעלער אַרבעט און סיי מיט זיינע קינסטלערישע ביטראַגן. במשך פיר יאָר צייט האָט ער אָנגעפירט מיט קולטור פּראָגראַמען אין דעם גרויסן קאָמיוניטי צענטער; דריי יאָר האָט ער דירעקטירט די פּראָגראַמען אין דעם „אינסטיטוט"; אין דער צווישן־צייט אויפגעטראָטן אין די פאַרבאַנד צווייגן, ייוו"אָ, אין אַרבעטער רינג, און ביי גרעסערע קולטורעלע מסיבות דאָ אין שטאָט. אַזוי אַז ער האָט בלי שום ספק צוגעטראָגן זיין וויכטיקן טייל צו דער באַרייכערונג און גייסטיקער דערהייבונג פון אונדזער יידיש־יידישן סעקטאָר דאָ אין שטאָט.

זיין צוקומען צום ל. א. קולטור־קלוב במשך פון די לעצטע עטלעכע יאָר איז אַ וויכטיק קאַפּיטל פאַר זיך אַליין. זיינע פאַרדינסטן קענען נאָר אָפּשאַצן געהעריק די, וועלכע שטייען נאָענט ביי דער אַרבעט פון קולטור קלוב. חבר ניומאַן האָט עס תחילת אפשר אַליין ניט באַגריסן די אומגעהויערע שוועריקייט פון אַ פּראָגראַם דירעקטאָר ביי אונדז. ס'איז דאָך ניט איינצואָרדענען אַ קולטור קינסטלערישע פּראָגראַם, פון צייט צו צייט; לויט דעם איינשטעל פון קלוב, ווערן דאָך יעדן שבת־צו־נאַכט, במשך יעדן זמן, דורכגעפירט 44 ליטעראַרישע אָוונטן, קאָנצערטן, יום־טובים פייערונגען און שרייבער אָוונטן. אַלץ פּראָגראַמען וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַ הויכער קולטור ניווֹאָ. אָט־די אַרבעט איז פאַרבונדן מיט אַ סך קאָפּ־דרייעניש און זאָרג דאָס צו דערגרייכן; בעיקר איז עס שווער צו דערגרייכן אין ל.א., וואו יידיש־טאַלאַנטירטע קינסטלער, לעקטאָרן און אַרטיסטן זיינען דאָ אַזוי ווייניק — טאַקע געציילטע. דעריבער איז די פונקציע פון אַ פּראָגראַם־דירעקטאָר אַן אַחריות'פולע און שווערע.

ווינטשן מיר אייך, ראשית כל, חבר ניומאַן, איר זאָלט זיין געזונט און קאָנען ממשיך זיין אָט־די ביז גאָר וויכטיקע קולטור־אַרבעט, סיי פאַרן יידישן קולטור־קלוב און אויך ביי אַנדערע קולטור געזעלשאַפטן.

מיר ווינטשן אייך אריכת ימים ושנים, צוזאַמען מיט אייער ליבער פרוי אידיט — עד מאה ועשרים. זייט געגריסט.

* * *

ביי דעם פייערלעכן אָונט לכבוד חבר יעקב ניומאַנס 60 יאָריקן יובל, שבת אָונט, דעם 4טן יוני, 1960, זיינען אויפגעטראָטן מיט באַגריסונגען, די שריפט־שטעלער: הערי לאַנג, זלמן זילבערצוויי; שמואל סיגעל, לערער פון די א. ר. שולן; שלמה האָכבערג, דירעקטאָר פון היגן פאַרבאַנד; משה לייב קאָפּעלאָף, סעקרעטאָר פון קלוב. אין דער קינסטלערישער טייל פון פראָגראַם זיינען אויפגעטראָטן: דער באַרימטער פידל־קינסטלער, דזשאַשאַ דאַסקאַ; פּיאַנאָ באַגלייטונג, שענאַן געלסאַן; און די גרעסטע טעכטער פון די ניומאַנס, נעמי בוימאַן, די פיין טאַלאַנטירטע זינגערין, אין אַ פּראָגראַם פון יידישע און קלאַסישע נומערן; און שולמית ניומאַן האָט איר באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ. עס זיינען געלייענט געוואָרן אַ צאָל טעלעגראַמעס פון פריינט, חברים פון די ניומאַנס, פון דעטראָיט, ניו־יאָרק און ל. א.

חברה ניומאַן האָט באַגריסט און באַדאַנקט דעם גאָר גרויסן עולם, וואָס איז געקומען צום 60סטן יובל פון איר מאַן, האָט באַדאַנקט דעם יובל־קאָמיטעט, די חברות, און חבר אין חברה מאָריס און מאַני פאַרבער, פאַרן צוגרייטן אַזעלכע שיינע יום־טובדיקע טישן מיט פיינעם כיבוד.

דער בעל־היובל, יעקב ניומאַן האָט אין אַ לענגערער רעדע אַרויסגעבראַכט זיינע געפילן, שטימונג און מיינונג וועגן דעם קולטור־קלוב און קולטור טועונג בכלל און אויך באַדאַנקט די טוער פון קלוב פאַר דעם באמת שיינעם אומפאַרגעסלעך פייערלעכן אָונט. דער קולטור־קלוב האָט דורך דעם סעקרעטאָר, פּר. קאָפּעלאָף, איבערגעגעבן דעם בעל־היובל, אַ זייער שיינעם קינסטלעריש געמאַלענעם „פּלאַק", אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג און אָפּשאַצונג פון יעקב ניומאַנס טעטיקייט אַלס קולטור דירעקטאָר פון קולטור־קלוב.

י. פרידלאַנד, פּרעזידענט

## צום זעכציק יאָריקן יובל פון יעקב ניומאַן

עס איז פאַר מיר אַ גרויס פאַרגעניגן צו באַגריסן מיין גוטן פריינד און קולטור דירעקטאָר פון אונדזער קלוב, יעקב ניומאַן, צו זיין 60 יאָריקן געבורנטאָג. די מערסטע פון אונדז זיינען שוין טיף אַריינגעפאָרן אין די זעכציקער און אַנדערע אין די זיבעציקער, איז אָבער יעקב ניומאַן ביי אונדז איינער פון די ווינגסטע, דאָך איז זעכציק יאָר אַ היפשער שפאַן אין אַ מענטשנס לעבן, באַזונדערס ווען ער האָט אָפּגעלעבט אַזאַ אינטערעסאַנט און שעפעריש געזעלשאַפטלעך לעבן, מעג ער באמת זיין שטאָלץ מיט זיין פאַמיליע, פריינד און מיט דער גאַנצער קולטור געזעלשאַפטלעכקייט מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן זיין גאַנצן באַוואוסטזיניקן לעבן.

וועגן זיין אַקטיוו געזעלשאַפטלעך לעבן זיינען צו אונדז דערגאַנגען גרוסן נאָך פון דער צייט ווען ער איז געוועזן אין ניו־יאָרק, און ספּעציעל אין דעטראָיט,

וואו ער האָט פּאַנאַנדערגעוויקלט זיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, ספּעציעל אַרום דעם דאָרטיקן „שלום עליכם פֿאָלקס אינסטיטוט.“

מיט זיין באַדייטנדיקן טאַלאַנט פֿאַר צוטראַגן קינסטלערישע פֿאָרלייענונגען, ווי ער טוט דאָס עד היום, האָט עס אים אַרויסגעהויבן זייער הויך. דער עולם האָט דערזען פֿאַר זיך אַ מענטשן וואָס קען קינסטלעריש אַנטוואָרעמען אַן עולם מיט זיינע פֿאָרלייענונגען און קינסטלעריש אויסטייטשן אַלץ וואָס ער לייענט פֿון אונדזערע יידישע קלאַסיקער און אַנדערע שעפֿער פֿון יידישער פּראָזע און פּאָעזיע.

עס זיינען דאָ אין אונדזער יידישער סביבה אַ צאָל מענטשן וואָס קענען אפשר אויפֿטרעטן און באַגייסטערן אַן עולם; אָבער אַליין העלפֿן שאַפֿן די אַטמאָ־ספֿערע, צולייגן אַ האַנט אין דער אָרגאַניזירונג פֿון קולטורעלע אָוונטן—דאָס ניט.

ניומאַן איז איינער פֿון די געציילטע וועלכער טראָגט זיך שטענדיק אַרום מיט אידייען און פּלענער ווי אַזוי צו פֿאַרגרעסערן די קרייזן פֿון אונדזער יידיש וועלטלעכן עולם און ברענגען צו אים אונדזער יידיש קולטורעלן וואָרט.

יעקב ניומאַן איז שוין דאָ אין ל. א. קנאַפּע 15 יאָר, אָבער נאָענט דער־קאַנט האָב איך אים זינט ער איז געוואָרן קולטור דירעקטאָר פֿון אונדזער קלוב. עס זעט אויס אַז דאָ צווישן אונדזער אינטעליגענטן עולם האָט ער זיך געפֿונען; ער איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ פּירערשאַפֿט וואָס פֿאַרשטייט, וואָס זיין אַרבעט באַדייטעט, און מיר גיבן אים די פֿולסטע קאָאָפּעראַציע.

זייער וויניק מענטשן, אויסער די וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט איינאָרדענען אָוונטן, ווייסן מיט וויפֿיל שוועריקייטן ער שטויסט זיך אָן אין אָט־דער אַרבעט.

דער אויסוואַל פֿון טאַלאַנטן, וואָס קאָנען אויפֿטרעטן מיט יידיש לשון, איז זייער אַ באַשרענקטער, און דאָך געלינגט ניומאַנען, אין מערסטע פֿאַלן, איינצו־אָרדענען פֿיינע אינטערעסאַנטע פּראָגראַמען.

עס איז אָן שום ספק, אַז דורך דער צייט וואָס ער איז קולטור דירעקטאָר האָט ער אַריינגעבלאָזן אַ סך אינטערעס צווישן אונדזער באַזוכערשאַפֿט. דער עולם וואָס קומט צו אונדז, סיי מיטגלידער און סיי געסט, איז אַן אינטעליגענטער און אַ קריטישער. קיין שונד קען מען אונדזער עולם ניט פֿאַרקויפֿן. איז אַפֿילו אָט־דעם קריטישן עולם שטעלט ער צופֿרידן, סיי מיט זיין אייגענעם קינסטלע־רישן אויפֿטרעטן און סיי מיט די טאַלאַנטן וועלכע ער ברענגט אין קלוב, וואָס באַשיינען אונדזערע אָוונטן.

פֿאַר די יאָרן וואָס איך קען אים, האָב איך געלערנט אים ליב צו האָבן. אויסער זיינע אַלע פֿאַרשידנאַרטקע טאַלאַנטן איז ער אַן אידעאַלער, ראַפֿינירטער און טאַקטישער מענטש, און מיר קומען מיט אים זייער גוט אויס.

כאָטש אַ סך ניט פֿאַרגינער האָבן אונדז געוואָרנט, אַז ניומאַן איז ניט דער מענטש וואָס וועט שטיין מיט אונדז לאַנג — ער וועט פֿון אייך אַוועקגיין אויב ער קריגט ניט הונדערט פּראָצענט זיין וועג — באַווייזן האָבן אָבער די יאָרן וואָס ער איז מיט אונדז, אַז צוזאַמען מיט אַן אינטעליגענטער פּראַקטישער פּירערשאַפֿט קען מען אַרבעטן האַרמאָניש. אַוודאי מוז מען מאַכן דאָ און דאָרטן קאָמפּראָמיסן, און אַז מע פֿאַרשטייט ווי אַזוי עס צו טאָן, איז עס אַ מזל־ברכה אין דער אַרבעט.

מיר ווינטשן אונדזער ליבן חבר יעקב ניומאַן, אַז ער, צוזאַמען מיט זיין געטרייער איבערגעגעבענער פרוי אידיט, זאָלן נאָך לאַנגע יאָרן זיין מיט אונדז און קענען אָנפירן מיט די קינסטלערישע פּראָגראַמען אין אונזער יידישער קולטור.

זיין ליבע פרוי, אידיט, פאַרדינט אַ היפּשן טייל פון דעם כבוד וואָס מיר טיילן צו חבר ניומאַנען. זי איז אַלע יאָרן געווען צו אים ניט נאָר געטריי און איבערגעגעבן, נאָר טאַקע אים פיל געהאָלפן סיי אין זיינע מאַטעריעלע און אויך גייסטיקע דערגרייכונגען.

לאָמיר האָפן, אַז צו זיין 65 יאָריקן יובל זאָלן מיר אַלע דאָ זיין און קענען אים געבן די זעלביקע שבחים פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן במשך די אַלע שעפערישע יאָרן זיינע.

מיט די וואַרעמסטע גרוסן,

**משה לייב קאָפּעלאָף**, סעקרעטאַר

## אונדזערע פאַרדינסטפולע טוער

אין דער אָפּטיילונג פון קולטור קלוב, וואו מיר ברענגען טיילווייזע באַריכטן פון אונדזער פאַרצווייגטער קולטור טעטיקייט, איז וויכטיק דאָ צו דערמאָנען (חוץ אונדזערע חשובע יובילאַרן, וועגן וועלכע מיר רעדן דאָ אין דער אָפּטיילונג) אויך אַ פּאָר נעמען פון אונדזערע פאַרדינסטפולע חברים פון אונדזער קולטור קלוב. כ'מיין דאָ אונדזערע ליבע, בלב ונפש, איבערגעגעבענע פאַרוואַלטער פון קלוב — **שלמה** און **ציליע צוקערמאַן**.

אין דעם יאָר 1945, ווען די צוקערמאַנס האָבן פאַרלאָזט די „איסט", ניו־יאָרק און ניו־דזשוירזי און זיינען געוואָרן דאָ היגע תושבים, האָבן זיי ווי געזעלשאַפטלעכע אַקטיווע באַוועגונגס־מענטשן, זיך תיכף פאַראינטערעסירט מיט דעם יידישן קולטור קלוב און זיינען געוואָרן זיינע וואַרעמסטע אָנהענגער.

אידעאָלאָגיש האָבן די צוקערמאַנס אָנגעהערט צו דער נאַציאָנאַל ציוניסטישער באַוועגונג; לאַנג־יאָריקע מיטגלידער פון פאַרבאַנד און שטיצער פון אַלץ אין שייכות מיט דעם אויפבוי פון ישראל; אויך זיינען זיי געווען אַקטיווע שולטוער; זייערע צוויי געראָטענע טעכטער האָבן דורכגעמאַכט אַ יידישע מיטל־שול; די עלטערע טאָכטער שיקט אפילו איצט איר קינד אין אַ יידישער שול אין נאָרט האָליוואוד, וואו זיי וואוינען. אַזוי, אַז די יידישע דערציאונג וואָס זיי האָבן געגעבן זייערע קינדער איז ניט געגאַנגען לאיבוד.

שלמה און ציליע,ביידע זיינען ליבע יידישע פאָלקס־מענטשן, מיט אַ געפיל פון גרויס אַחריות צו אַלץ וואָס זיי נעמען זיך אונטער דורכצופירן.

אין יידישן קולטור קלוב האָבן זיי זיך באמת געפונען: דאָ לעבן זיי זיך אויס יידיש־קולטורעל און געזעלשאַפטלעך, און האָבן גרויס הנאה און פרייד פון דער אַרבעט וואָס זיי טוען פאַר זייער באַליבטער אָרגאַניזאַציע, דעם יידישן קולטור קלוב.

פאַר דעם קלוב זיינען זיי ביידע אַ גרויס געפינס. אַלס פאַרוואַלטער פון קלוב, פון דעם בנין און פון דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט, האָבן זיי אַרויסגעוויזן פיל איבערגעבנקייט, פעאיקייט און אחריות, און פירן אַלץ אויס פּינקטלעך און בשלימות. שלמה צוקערמאַן, אַלס בויער, טראָגט צו אומגעהויער אַ סך צום אויפ־האַלטן פון בנין; ווי פאַרבן, רעמאָנטירן, ווען נויטיק, און שפּאָרט דעם קולטור קלוב יערלעך היפּשע סומען. חוץ מזה, צוליב זיינע געשעפטלעכע פאַרבינדונגען, שאַפט ער, יעדן יאָר (חוץ זיין אייגענעם היפּשן בייטראַג) גרויסע סומען, צו דעקן אונדזער יערלעכן בודזשעט. שלמה און ציליע זיינען פון די געציילטע מיטגלידער אין יידישן קולטור־קלוב, וואָס מיט זייער ליבע און איבערגעבנקייט האָבן אַוועק־געשטעלט דעם קלוב אויף אַ זיכערן מאַטעריעלן באָדן.

ביידע, שלמה און צילי צוקערמאַן, זיינען פאַרליבט אין קלוב און זייער פרייד און ליבע איז ניט סתם אַ פּלאַטאָנישע, נאָר זיי דריקן עס אויס אין ממשות־דיקע מעשים. יעדע וויכטיקע קולטור־אַקציע און פּראָיעקט וואָס דער קלוב אונטערנעמט, צי ס'איז די אַרויסגאַבע פון אַ יידיש בוך, צי ס'איז דער אָנהויב פון אונדזער „קאַמפּיין", כדי צו דעקן אונדזער יערלעכן דעפיציט פון קלוב, ווערט די אָרגאַניזירונג פון דעם אָדער יענעם פּראָיעקט תמיד דורכגעפירט אין דער פּרעכטיקער היים פון שלמה און צילי צוקערמאַן. ביידע זיינען וואוילע און גוטע מכניסי אורחים; מען ווערט ביי זיי אויפגענומען מיט אמתער וואַרעמקייט און גאַסטפריינדלעכקייט, אַזוי, אַז די אָוונטן ביי זיי אין שטוב ווערן תמיד גע־קרוינט מיט גרויס דערפאָלג.

שלמה צוקערמאַן איז בכלל אַ ליבער גוטער חבר, מיט אַ וואַרעמער באַ־ציאונג צום יידישן בוך און קולטור און איז תמיד גרייט צו טאָן אַ טובה אַ פריינט ווען נויטיק. ס'איז ביי אים אַ פרייד אָפּצוהיטן די מצוה פון „בין אָדם לחברו" און דעריבער טאַקע איז ער אַזוי באַליבט ביי אַלע פריינט און חברים וואָס קענען אים פון דער נאָענט.

שלמה און ציליע צוקערמאַן זיינען ביי אונדז אין קולטור קלוב פון די באַ־ליבסטע פירנדיקע חברים און מיר זיינען שטאָלץ מיט זייער אַרבעט און איבער־געבנקייט.

איך ווינטש זיי ביידן, אַז די וואונדערלעכע רעפּוטאַציע וואָס זיי האָבן זיך דערוואָרבן, סיי ביי אונדז און סיי אין דער יידיש נאַציאָנאַלער באַוועגונג, זאָלן זיי אָנהאַלטן נאָך פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָרן און מיר צוזאַמען מיט זיי זאָלן קענען אָנהאַלטן מיט פרייד און התלהבות די אַרבעט פאַרן וואוילזיין פון אונדזער באַליבטער אינסטיטוציע — דער ל. א. יידישער קולטור קלוב.

**ווערט אַ מיטגליד אין יידישן קולטור־קלוב**—די קולטור היים פון יידיש־יידישן סעקטאָר אין לאָס אַנגעלעס. מ. ל. קאָפּעלאָף, סעקר., 4213 מאָנראָו, ל. א.

# אונדזערע חשובע חברים — די וויינמאַנס

צווישן דער היפשער צאָל חברים און חברות, וואָס זיינען אַקטיוו אין יידישן קולטור קלוב, זעען זיך שטאַרק אָן די חברים יוסף און דזשעני וויינמאַן. במשך די 15 יאָר וואָס זיי געהערן אין קלוב האָבן זיי זיך זייער באַליבט געמאַכט ביי אַלעמען און ווערן באמת הויך געשעצט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

די וויינמאַנס זיינען געקומען קיין אַמעריקע פון דער אַלטער היים אין יאָר 1913. געלעבט אין ניו־יאָרק בערך אַ 30 יאָר, האָט וויינמאַן אַלס פּעאיקער געשעפטסמאַן זיך דערוואָרבן אַ פיינעם עקאָנאָמישן מצב. און אויף וויפיל די צייט האָט אים נאָר דערלויבט איז ער געווען אויך דאָרטן אַקטיוו מיט געזעל־שאַפטלעכע טעטיקייטן.

געקומען זיינען זיי קיין לאָס אַנגעלעס מיטן געדאַנק זיך אָפּצורוען, „ריטייר־ערן" — הנאה האָבן פון דער שיינער זוניקער קאַליפאָרניע; אַריינזאַפּן אין זיך דעם אַראָמאַט פון דאָס שטענדיקע בליען און בלומען; זיינען זיי אָבער ביידע פון דעם סאָרט מענטשן וואָס קענען נישט לעבן בלויז פאַר זיך. זיי האָבן נישט געקענט בלייבן רואיק, ווען די אייגענע פאַמיליע איז ניט געהעריק פאַרזאָרגט און ווען ס'איז בכלל נאָך פאַראַן אַזויפיל נויט אַרום אונדז און מ'דאַרף העלפן. חוץ מזה זיינען זיי ביידע טייערע נאַציאָנאַלע יידן און זיי ווילן ניט אָפּקומען בלויז מיט אַ זיפץ — הייסן יענעם געבן „און אַליין ניט פון אָרט"! זיי שטיצן וואַרעם און מיט אַ ברייטער האַנט אַלע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אינסטיטוציעס. קיין מיליאָנען האָבן זיי נישט געבראַכט קיין לאָס אַנדזשעלעס און זיי זיינען ווייט פון צו זיין גבירים; האָט זיך וויינמאַן ווידער אַריינגעוואָרפן אין געשעפט, כדי צו קענען אַנטקעגנקומען די אַלע נויטיקע יידיש־געזעלשאַפטלעכע אחריותן; פאַר זיך אַליין און זיין משפחה וואָלט ער עס אפשר ניט באַדאַרפט.

מען באַדאַרף באַזיצן אַן אויסערגעוויינלעכן אידעאַליזם צו אַנטזאָגן זיך פון אייגענער רו און געמיטלעכקייט, כדי צו העלפן אַנדערע און דעם כלל.

ס'איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס אַלע וועלכע קענען די וויינמאַנס זיינען ממש פאַרליבט אין זיי. עס איז אויך נישט קיין וואונדער, וואָס זייער הויז איז שטענדיק אָפן פאַר פריינט און געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענקונפטן, וואו מ'פילט זיך באמת וואַרעם און דערהויבן אין זייער געזעלשאַפט.

צום קולטור־קלוב זיינען זיי געטריי און איבערגעגעבן. ווען עס הייבט זיך אָן די יערלעכע אַקציע לטובת דעם קולטור־קלוב, כדי צו דעקן דעם יערלעכן בודזשעט שאַפט וויינמאַן גרויסע סומען פון זיינע געשעפטלעכע פאַרבינדונגען און איז אַליין אויך פון די גרעסערע מנדבים. וויינמאַן איז אויך אַ שטיצער פון אונדזער שריפט און אַ פרייוויליקער אָפּנעמער פון יידישן בוך.

מיר, אין יידישן קולטור קלוב זיינען זייער שטאָלץ וואָס צווישן דער צאָל ליבע, טייערע חברים און חברות (וועגן וועלכע ס'וועט אויסקומען צו שרייבן ביי אַנאַנדער געלעגנהייט) געפינען זיך די וויינמאַנס.

מיר ווינטשן זיך, אַז נאָך לאַנגע יאָרן זאָלן מיר, צוזאַמען מיט די וויינמאַנס, קאָנען אָנפירן מיט אונדזער קולטור טעטיקייט; קאָנען מיט זיי שטאָלצירן און זיך באַרימען מיט זייער וואַרעמער באַציאונג.

**מ. ל. קאַפּעלאָף**

# אַ דאַנק־וואָרט

די פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קולטור קלוב דריקט דאָ אויס אַהאַרציקן דאַנק און אַנערקענונג צו די פאָלגענדע חברים און חברות, מיטגלידער און פריינט פון קולטור קלוב, פאַר זייער באמת ווארעמער קאָאָפּעראַציע און ביישטייערונג. איר, ליבע פריינט, העלפט אונדז טיילוויז צו דעקן דעם דעפיציט פון יעדן סוף זמן וואס דער קלוב האָט, און פאַרגרינגערט דעם עול פון אויפהאַלטן אונדזער אַלעמענס יידישן קולטור צענטער דאָ אין לאָס אַנגעלעס.

מיט דאַנק און קולטור גרוס,

**פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קולטור קלוב**

## ביישטייערונגען

**$250.00**

חבר און חברה
יוסף און גאָסי שפּיגעלמאַן

**$150.00**

מאָריס און מאַניע פאַרבער
שלמה און צילי צוקערמאַן
משה לייב און אַניוטע קאָפּעלאָף
יוסף און דזשעני וויינמאַן

**$125.00**

יצחק און מוסיע פרידלאַנד
מאָריס און סערע ווינאַרסקי
חבר און חברה סעמועל דראַנזעק

**$100.00**

שמואל און ליובע בריינין
אייב און מיני שוואַרץ
סעם און העלען לעווין
חברה רעגינאַ סייד
חברה דיאַנאַ לאַזאַרוס
חבר און חברה יעקב און אידיט ניומאַן

**$75.00**

בען און מיני צוקערמאַן
מאַקס זיגמאַן

**$60.00**

חבר און חברה יוסף ליוואַק

**$50.00**

אהרן און גאָסי אייעראָף
חבר און חברה אייב ראַטבלאַט
עליק און רבקה קאַרסאַן
חבר און חברה הענרי בערמאַן
חבר און חברה לואיס זעלמאַן
חבר און שרה באַשע דאַרנאָוו
חבר הערי גאָלד

**$35.00**

סעם און דאָראַ לעווין
חבר טשאַרלס צוקערמאַן

**$30.00**

חברה סאָפי שוואַרגער
אין אָנדענק פון מיין געשטאָרבענעם מאַן דויד שוואַרגער
חבר און חברה הערי שטערנפעלד
חבר און חברה י. גרינשפאַן
מאַקס און חנה'קע סטעף

**$25.00**

חיים און באַשע שאַפּיראָ
חברה ליבע האָרוויטץ
אין אָנדענק פון מיין באַליבטן מאַן בייטן האָרוויטץ
תנחום און טילי ברייס
חבר סיימאַן פיעלד
חברה ראָוז באַלאַט
חבר יוסף מילער
פיליפּ און חנה לערנער

## באַגריסונגען צום 34-טן יאָר פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

חבר נייטן אַזאָלין
סאל און בעלאַ לעווין
חברה מלכה רויזענבלאַט
חבר און חברה יונה בערקאָוויטש
חבר און חברה י. בעניש
חבר און חברה דויד שרגא
חבר משה קאַפּלאַן
חברה ס. שטורם
אין אנדענק פון מיין פאַרשטאָר-
בענעם מאַן, אַבֿרהם שטורם
נאַציאָנאַל פּראָגרעסיווע ברענטש
605 אַרבעטער רינג
סאָלאָמאָן און אַליע ראַשאַל
פּרץ הירשביין ברענטש פון פאַרבאַנד

**$15.00**

חבר און חברה סעם שאַרף
חבר און חברה הערי שטראַסבערג
חבר עליק דיכטער
חבר סאַל אדעס
חברה גוירטרוד נאַפּטאַלין
חבר און חברה לואיס טובערט
חברה איידע פּייעס
אין אנדענק פון מיין באַליבטן מאַן
חבר פּ. פּייעס
חבר און חברה סאל גיליס
סעמועל און ראָוז שאָמער באַטשעליס
מיר ווינטשן אייך א רפואה שלמה
און איר זאָלט מער ניט וויסן
פון קראַנקהייטן
חבר און חברה מ. רומאַרק
חבר און חבר הי. גערסאָן
חבר און חברה יוסף גאָלדבערג
חבר און חברה אַבֿרהם דיקשטיין
חבר דויד מאָסט
חבר בען רייזעל
חבר היימאַן שוואַרץ
חברה סאַראַ ווייס
חברה מיני באָום
חברה סאַראַ שאָר
חיה שרה אייזענבערג
(אַ שוועסטער פון שלמה צוקערמאַן)

**$10.00**

ד"ר ווייצמאַן-זאַלצמאַן צוויג
יידיש-נאַציאָנאַלער אַרב. פאַרבאַנד
חבר און חברה הערי אייבראַמס
חבר און חברה ל. קעסעלמאַן
חבר און חברה סעמועל גראָסמאַן
חבר הערי ווייזעל
חברה רעי דייטש
חבר און חברה משה און בלומע
שטיינבערג
חבר י. ראָזענבערג
אַבֿרהם און ליובע באַביטש
משה און חיה'קע גלאַזער
ישראל אוןביילקע בלום
חבר סעם שפּיגלמאַן
מרדכי און שרה פּאַגאָרעלסקי
חבר און חברה הערי שולמאַן
חברה מיני ראַפּעל
חבר און חברה מ. א. גראַנדא
חבר ראַלף קליין
חבר היימאַן אייבראַמס
איזידאָר און עלאַ בוירנס
חבר און חברה ה. אַקסעלראָד
חיים און פּעני הייקין
חבר און חברה מ. קאַנאָווסקי
חבר און חברה דויד ווינער
חבר און חברה הערי דאַנציקער
חבר און חברה דזשיי. קאַפּלאַן
ראָבערט און פּערל טעמפּער
חבר און חברה יוסף דובין
דזשעני גינזבורג
אין אָנדענק פון מיין מאַן
הערשל גינזבורג
חבר און חברה בען סאָלאָמאַן
חברה ראָוז מישקין
חבר און חברה סעם פריד
חבר און חברה ל. קינגסטאָן
חבר און חברה הערי אָרעק
חבר און חברה ריי און גאָסי ראָזנשטיין
חבר מאַרקוס מייזל
חברה איידע אייזענבערג

## באַגריסונגען צום 34-טן יאָר פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

חבר און חברה קערמיט בערמאַן

חברה בען סאָלאָמאָן
אין אָנדענק פון מיין פאַרשטאָר-
בענעם מאַן, בען סאָלאָמאָן

חבר און חברה מאַקס בערגמאַן

חבר און חברה אַבּרהם האַרמאַן

גאָלדבלום לייען קרייז

חבר יצחק איזגור

חבר אייזיק פינקעלשטיין

חבר און חברה עדוואַרד פישער

**$5.00**

חבר און חברה סעם סטאָר

חברה סיידי פינקעלשטיין

יעקב און איוואַ ווייסמאַן

חבר אייב סטיט

חברה בעסי טשערנאָוו

חבר און חברה יעקב לייב מילער

חבר און חברה שמואל בראָודאַ

חברה איידע ראָזין

חברה רבקה טרובין

חברה בעסי געלסין

חבר י. ערלין

חברה סימע גאָלדינבערג

חבר משה פליק

חבר און חברה דזשאָו האַר

חבר און חברה מ. בראַט

חבר בען פרידמאַן

חבר פּ. ראָזענבלום

דייוו און איידע גליקמאַן

חבר און חברה וויליאַם בעלקין

חבר טשאַרלס פרימאַסט

חבר סעמועל פרידמאַן

חבר און חברה לעם

חבר און חברה לואיס וויינמאַן

חבר און חברה הערי פערלאָוו

חברה איידע קריינדיס

חבר סעם רובין

חברה גאָסי סאַרטאָ

חבר און חברה ב. מלחי

חבר און חברה י. גובקין

חבר און חברה סאל און גערטרוד
וועקסלער

חבר און חברה י. האָפקין

חברה ל. יאסמאַן

חבר און חברה זילבערשטיין

חבר נ. לאַזאַרוס

חבר און חברה לייזער מעלצער

יעקב און פייגעלע מילער

חבר און חברה פיליפּ בראָדי

חבר און חברה ס. קאַרפּמאַן

חבר ה. פרידמאַן

חבר מאָריס גימפּלין

חבר און חברה י. פּאַלמער

חבר און חברה מ. פּרוזאַנסקי

ריטײַרד בעקערס קלוב
וויליאַם באַרנשטיין, סעקרעטאַר

באָריס און חיקע ווינער

חבר און חברה אָשר קיפּניס

חבר שלמה סינגער

חבר און חברה י. פריינד

חבר און חברה י. קאַרנשטיין

חברותא שלום עליכם, ביים ים
י. גינזבורג, סעקרעטאַר

שלמה און מרים סאָלטעס

חבר נייטן שטיינבערג

חבר לייב וויליאַמס

חבר און חבר מאַרטין ראָוז

וויליאַם און פעני פרידמאַן

חברה פנינה אָסמאַן

חבר און חברה ז. בונין

חבר און חברה דויד פעלדמאַן

חבר און חברה יעקב פיעלד

חבר מ. האַרעליק

חבר און חברה א. וויזעלמאַן

חבר און חברה מ. באַראָן

חבר און חבר מאיר קאַסטעל

# בען צוקערמאַן, צו זיין 75 יאָריקן געבוירנטאָג

אין צוגאָב צו דעם אַרטיקל וועגן אונדזער בעל־היובל, בען צוקערמאַן, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן פון זיינע לאַנדסלייט אין ישראל, איז ווערט צו דערגאַנצן זיין קולטור און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט סיי אין מערב קאַנאַדע און סיי אין לאָס אַנדזשעלעס.



צוקערמאַנס געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן פון יאָר 1909, אין סאַס־קאַטון, קאַנאַדע. אין אַט־דער קליינער יידישער קהילה פון אַן ערך 15 יידישע משפחות, האָט צוקערמאַן, צוזאַמען מיט דער גרויסער משפחה זילטשענקאָ, זייערע קינדער, דעם רעדאַקטאָר פון „דאָס יידישע וואָרט", מאַרק זאַלטשענקאָ, און אַ צאָל אַנדערע, וואָס זיינען אין די יאָרן 1914 אָנגעקומען פון וואַרשע קיין סאַסקאַטון, האָבן זיי צוזאַמען אָנגעפירט דאָרטן אַ קהלישע טעטיקייט. הגם דער רוב פון זיי האָבן געדינט אַלע „איזמען" חוץ ציוניזם, האָבן זיי דאַן באַ־שלאָסן צו גרינדן אַ יידיש־ראַדיקאַלן פאַראיין. זיי האָבן אָפּגעקויפט עטלעכע הונדערט יידישע ביכער צום לייענען; געהאַט אָפטע פאַרזאַמלונגען, אָנגעפירט דיסקוסיעס; געשטיצט דאַן דעם באַרימטן אַנאַרכיסט, רודאָלף ראָקער, וועלכע איז געזעסן „הינטער שטעכיקע דראָטן" אין ענגלאַנד; אויסגעשריבן דעם לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד".

אָבער צוביסלעך איז בענען דאָך געלונגען, צוזאַמען מיט נאָך 22 חברים, גרינדן די ערשטע גרופּע פּועלי־ציון, אין מערב קאַנאַדע.

בען האָט פאַרנומען דאָרטן אַ היפּש ביסל יאָרן דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון דער גרופּע פּועלי־ציון. צו יענער צייט האָט ער אויך געגרינדעט דעם יידישן קאָנגרעס אין מערב קאַנאַדע ; געווען דער פאַרזיצער פון דעם „פּיפּלס רעליף" צווישן די יאָרן 1914-18; געווען אויך דער יושב־ראש פון ועד החינוך; געווען דער גרינדער פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד — באמת געווען איינער פון די ראשונים, וואָס האָבן געהאָלפן פאַרפּלאַנצן דעם פּועלי ציוניזם אין יעדער גרעסערן און קלענערן ישוב אין מערב קאַנאַדע.

במשך זיין וווינשאַפט אין קאַנאַדע איז בען אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ מערב קאַנאַדע לטובת דער הסתדרות. מערב קאַנאַדע איז געוואָרן אַ פעסטונג פאַר דעם אַרבעטענדיקן ארץ ישראל.

ער האָט אויך דאָרטן אומעטום באַגלייט און מיטגעאַרבעט מיט די ארץ־ישראל שליחים: שמואל דיין, זלמן רובאַשאָוו (שז"ר), ישראל מערעמינסקי, יוסף ברץ; ווי אויך באַגלייט און אַראַנזשירט לעקציעס פאַר אונדזער פאַרשטאָר־בענעם חיים גרינבערג ז"ל — פון וויניפּעג ביז סיאַטעל, וואַשינגטאָן.

עד כאן, וואָס שייך בען צוקערמאַנס אַקטיוויטעט אין מערב קאַנאַדע.

מיט זיין אַנקום קיין ל. א., בערך אַ דריי צענדליק יאָר צוריק, האָט ער ערשט דאָ געפונען אַ ברייט פעלד פון טעטיקייט, סיי פאַר זיין אידעאַל פון פּועלי ציוניזם און סיי כללדיקע קולטור און געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן צו זיין שבח, אַז צוקערמאַן איז נישט קיין דאָגמאַטיקער; הגם ער איז אַן איבערגעגעבענער ציוניסט, איז ער אָבער אין זיין אַקטיוויטעט ניט באַגרעניצט.

פון דער צאָל אַמטן וואָס מיר ברענגען דאָ, וועלכע ער טראָגט מיט חשיבות, ביי אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס דאָ אין שטאָט, איז צו זען, אַז צו זיין 75 יעריקן יובל איז ער נאָך פול מיט אַ שפע פון ענערגיע און אַקטיוויטעט. ביי היינט צו טאָג איז ער דער פּרעזידענט פון דעם היגן „ד״ר חיים ווייצמאַן און ד״ר נתן זאַלצמאַן צוויג״ פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד; וויצע-פּאַרזיצער פון נאַציאָנאַל-פאָנד קאָונסיל אין ל. א.; פאַרזיצער פון נ״פ און מיטגליד פון קולטור קאָמיטעט ביי דער גרופּע „אויפבוי״; פאַרזיצער פון נ״פ ביים פאַרבאַנד קאָונסיל אין ל. א., און קאָ-טשערמאַן פון קולטור טעטיקייטן.

במשך זעכצן יאָר זייט בען צוקערמאַן איז פאַרבונדן מיט דעם ל. א. יידישן קולשור קלוב, איז ער געווען צו אַ געוויסער צייט, וויצע-פּרעזידענט, קולטור פאָרזיצער און אַקטיווער „קאַמפּיינער״ פאַר די יערלעכע אַקציעס לטובת דעם קולטור קלוב.

צום זיין 75 יאָריקן יובל, וועלכן מיר האָבן דורכגעפירט דעם 27טן אויגוסט אויף אַ גאָר בכבודיקן אופן, ווילן מיר דאָ אין נאָמען פון ל. א. יידישן קולטור קלוב ווינטשן אונדזער בען צוקערמאַן, ער זאָל צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי מיני, זיין געזונט און ביכולת ממשיך צו זיין אָט-די גוטע נוצלעכע און אחריותפולע אַרבעט וואָס ער טוט, עד מאה ועשרים שנה.

**לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב**

י. פרידלאַנד, פּרעזידענט

משה לייב קאַפּעלאַף, סעקרעטאַר

## צו בען צוקערמאַנס 75 יאָריקן געבוירנטאָג — פון 75 ביז 120

דאַכט זיך ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן מיר געפייערט זיין 70 יאָריקן געבוירנטאָג! טאַקע אין יידישן קולטור-קלוב, זיינען מיר זיך צוזאַמענגעקומען און באַגריסט אונדזער ליבן חבר, פאַר זיינע פאַרשיידענע אַקטיוויטעטן מיט וועלכע ער פאַרנעמט זיך: די טויזנטער ביימער וועלכע ער פלאַנצט אין ישראל, דורך דעם נאַצ. פאָנד; די אַרבעט וואָס ער טוט פאַר דעם פאַרבאַנד און דער פּועלי ציון פּאַרטיי.

מיר האָבן אים דאַן געוואונטשן נאָך פילע יאָרן זאָל ער אָנגיין ווייטער מיט זיין וויכטיקער אַרבעט. ווי אַ גוטער חבר האָט ער אונדז געפאָלגט. מיר ווילן אים ווייטער ווינטשן, אַז ער מיט זיין ליבער פרוי זאָלן פאָרזעצן די גוטע, נוצלעכע אַרבעט ווי ביז איצט, עד מאה ועשרים שנה.

דאָס איז דער וואונטש פון יעדן חבר און חברה פון דער

**„אויפבוי״ גרופּע פּועלי ציון**

ה. אייבראַמס, פאַרזיצער

# אַ האַרציקע באַגריסונג צו אונדזער באַליבטן, חשובן פריינד און לאַנדסמאַן, בען צוקערמאַן, צו זיין 75 יאָריקן געבוירנטאָג

אין נאָמען פון אַלע קראַסניטאַווער לאַנדסלייט וואָס געפינען זיך אין מדינת ישראל באַגריסן מיר האַרציק און פריינדלעך אונדזער גוטן פריינד בן צוקערמאַן לכבוד זיין 75 יאָריקן יובל און מיר ווינטשן אים אריכת ימים מיט פיל דערפאָלג אין זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן. בען צוקערמאַן איז פאַר אונדז קראַסניסטאַווער ניט סתם אַ פּערזאָן וועלכער איז צופעליק אויך געבוירן און געוואַקסן אין אונדזער שטעטל קראַסניסטאַוו. בן צוקערמאַן מיט זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און מיט זיין גוטן ווילן צו העלפן זיינע לאַנדסלייט איז תמיד געווען אַנדערש, מער חשוב און אייגן פאַר אַלע לאַנדסלייט.

